STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11256

LID UN LEBN

Mosheh Shkliar

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה שקליאַר

לידער

ליד און לעבן

משה שקליאַר

ליד און לעבן

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
הילפספאָנד פאַר ייִדיש־שאַפונג
תל־אביב, תשמ"ח — 1988

משה שקליאַר

חיים ושירים

ש י ר י ם

M. SZKLAR

Lid un Lebn

Poems

© כל הזכויות שמורות למחבר

M. Szklar 469. N. Orlando Ave.
Los Angeles, Ca 90048 U.S.A.

Printed in Israel 1988
נדפס בישראל 1988

פאַרלאַג „ישראל-בוך"
הילפסנפאַנד פאַר יידיש-שאַפונג
רחוב איתמר בן-אבי 4, תל-אביב, ת.ד. 1777
Israel-Book Publishing House
4, Itamar Ben-Avi Str. Tel-Aviv, P.O.B. 1777

דפוס „שמגר 1986", ת"א, טל. 828704

קאָנטורן

פון וואַנען?

און מיר וועלן רעדן די רייד נישט דעררעדטע
מיט שאָטנס פון נעכטיקע טעג
און הערן מיר וועלן אין רויש פון די בלעטער
וואָס ווירבלען אויף האַרבסטיקן וועג
דעם עכאָ פון אייגענע רייד און נישט מער —
ווער־זשע וועט ענטפערן, ווער?

פון וואַנען וועט קומען דאָס וואָרט דאָס דערוואַרטע
ווען ס׳הענגט גאָר אַרום אַ געשוויַיג,
און אַלץ וואָס געווען איז, און אַלדאָס געגאַרטע
פאַרגייט ווי אין פיַיער אַ צוויַיג,
און הערן מיר קאָנען דעם אַש־פּלי נישט מער —
ווער־זשע וועט ענטפערן, ווער?

נאַכט

די נאַכט איז שטיל,
די נאַכט איז בלאָ,
און איך בין דאָ
און בין נישטאָ.
אין דרויסן ערגעץ שפּילט אַ גריל,
די נאַכט איז שטיל,
די נאַכט איז שטיל.

אַ שטערן פונעם הימל פאַלט
און איך בין יונג
און איך בין אַלט
ווי דער שטערן אין דער נאַכט.
אַ שטערן פאַלט,
מײַן שטערן פאַלט — — —

די נאַכט איז שטיל,
די נאַכט איז גרין,
און מיך ציט אַלץ אַהין, אַהין,
וווּ איך בין דאָ
און בין נישטאָ,
וווּ איך בין יונג
און איך בין אַלט
און דער שטערן אַלץ נאָך פאַלט
אין דער גרין־בלאָ־שטילער נאַכט,
וואָס אַ מאָל כ׳האָב אויסגעטראַכט.

סוף זומער

זיי שטייען אַנטקעגן איינאַנדער —
די פּאַלמע די שטאָלצע,
וואָס גרייכט ביז די וואָלקנס
און דאָס קאַרליקלביימל
מיט אָראַנזשן פּול.
צווישן זיי איז אַ סאַזשלקע
גלײַך צו אַ נול
און ביידע דערטרינקען אין איר
זייער אומעט
צוזאַמען מיט מײַנעם
אין טעג פון סוף זומער.

קאָנטורן

איך האָב זיך צוגעזעצט אין שאָטן
פון צעצווײַגטן קליאָן
די שטראַלן האָבן קוים זיך דורכגעזיפּט
צווישן די בלעטער
וואַרפנדיק קאָנטורן
אויפן גרינעם גראָז
איך האָב געקוקט ווי זיי באַוועגן זיך
און נישט באַמערקט
און נישט געפילט
ווי ס'האָט אַ קילער ווינט
אַ וואָלקן אָנגעיאָגט
און באַלד האָט זיך געדאַכט
אַז איך פאַרשווינד
צוזאַמען מיטן שאָטן
פון צעצווײַגטן קליאָן
און די קאָנטורן
ווי געטרײַע הינטעלעך
באַגלײַטן מײַנע טריט

מײַן פלוימענבוים

מײַן פלוימענבוים האָט אָפּגעדאַרט,
געשטאָרבן.
פאַרהילט אין צער
ער שטייט מיט הענט פאַרבראָכענע
אין טיפן שווײַגן.
די צווײַגן
פאַלן איינציקווײַז צו דר׳ערד
און ווערן פונעם ווינט פאַרקערט...

נאַקעט, הויל ער שטייט
מײַן פלוימענבוים
און קוקט אויף מיר
דורך קאָרע־שפּאַלטן.
און מיר איז שווער,
שווער אַזוי
פון אים זיך אויסבאַהאַלטן.

אויף יענער זײַט

אויף יענער זײַט פֿענצטער דאָס גרינס פֿונעם בוים,
וואָס וויגט זיך און רוישט אינעם ווינט,
האָט פּלוצעם פֿאַרלוירן דעם זאַפֿט, ווי אַ טרוים,
וואָס ווערט בלאַסער און בלאַסער — פֿאַרשווינדט.

נישטאָ מער דער בוים, ערגעץ ווײַט, ערגעץ ווײַט,
פֿאַרטראָגן מיט זיך דעם גערויש און געוויג —
אויף יענער זײַט פֿענצטער דער טאָג איצט פֿאַרגייט,
דאָס גרינס בלויז בלײַבט הענגען בײַ מיר אינעם בליק.

שטערן

✶

שטערן שטערענען אויף מײַן שטערן
אַזוי שטיל,
נישט צו זען זיי, נישט צו הערן,
בלויז איך פֿיל —
ס'שײַנען אויף מיר ווײַטע וועלטן
און די שײַן
אויף מײַן שטערן אויפֿגעהעלטן
כ'טראָג אַליין,
און די שטערן כ'גיי אַנטקעגן
אומגעשטערט,
ביז פֿאַרלוירן כ'ווער אויף וועגן
און פֿאַרצערט — — —

✶

געזען כ'האָב פֿאַלן אַ קאָמעט
צי גאָר אַ שטערן
מיט שווינדל־שנעלקייט פֿון די הײַכן.
געווען איז שפּעט,
נאַכט,
און אין די פֿינצטער־טײַכן
געזען כ'האָב אים פֿאַרשווונדן ווערן
ווי אַ בליץ.
איז ער פֿאַרשווונדן ?
ביז איצט
איך טראַכט —
געווען אַוודאי ס'איז אַ צייכן
אַרויסגעשיקט מיליאָסן יאָרן צוריק

אין ווײַטן שפּעטער,
אָדער גאָר אַ ווונק, אַ בליק
פון יענער אייביקייט
צו וועלכער קיינער
האָט נאָך נישט
דערקלערט.

✶

לאָז צורו די שטערן —
האָט צו מיר גערעדט
מײַן צווייטער איך,
דער נישט־פּאָעט —
ווי קאָן מען זײַן אַזוי אַלטמאָדיש?
שטערן,
טרערן,
גרוי און בלוי,
ס'האָט געזונגען נאָך אַזוי
יצחק לייבוש,
משה לייב...

נו, איז וואָס,
מײַן גוטער פרײַנט,
שטערן האָבן דאָן געשײַנט
און זיי שײַנען ווײַטער,
פּרצ'ס לידער, משה לייבס
דויערן דורך צײַטן,
ווי די שטערן,
ווי די טרערן,
וואָס וועלן נישט
פאַרגעסן ווערן.

ווי אַזוי ?

די טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט
און דעם ווינט
געלאָזט אין דרויסן
וואָיעט ער און וואָיעט
ווי אַ קראַנקער הונט
פֿאַרנאַכט
וואָס נאָר דער סערפּ
בײַם הימל־ראַנד
ווייסט
וואָס ער איז אויסן

טוט מיר וויי
דעם ווינטס געוואָי
נאָר כ׳ווייס נישט
ווי אַזוי
איך זאָל אים שטילן

עפֿענען די טיר ?

באַהיט מיך

באַהיט מיך גאָט פון זײַן פאַרביטערט
אויף זיך, אויף וועלט און דעם אַרום,
באַהיט פון זײַן כ׳זאָל אָפּגעציטערט
ווי בײַ דער מאַמען אַ בעל־מום.

זאָל קיין מאָל קיינער נישט באַדויערן
מײַן שטילן גאַנג מיט זיסער טרער,
פון ליד מײַנעם דו לאָז בלויז דויערן
אַ שפּור, ווען כ׳וועל נישט זײַן דאָ מער.

און ווען אין ווײַטע ווײַט באַגעגענען
דער נעכטן מיט דעם מאָרגן וועט,
זאָל קיינער דעמאָלט אויף אַ רגע נישט
פאַרגעסן אין מײַן לעצט געבעט.

אַליין

אַליין כ׳בין דער באַשעפער און צעשטערער,
אַליין דער קרבן און די שטראָפנדיקע האַנט,
און דאָך איך בין אַ שטויבעלע נישט מער,
וואָס פאַלט און פאַלט און גרייכט נישט ביז צום ראַנד.

אַליין איך בין דער מײַסטער פון מײַן גורל
און אַליין פון אים אָן אויפהער כ׳ווער געפירט,
אַ מאָל איך ווייס דעם וועג און ווער פאַרלוירן,
אַ מאָל כ׳פאַרליר זיך בײַ אַן אויפגעמאַכטער טיר.

און דעמאָלט בלײַב איך שטיין און ווענד די אויגן
אינעם ווײַטן אומבאַוווּסט וואָס העלט און בלויט,
און אויף אַ צייכן כ׳וואַרט, דעם רעגנבויגן,
וואָס האָט צום ערשטן מאָל דעם מענטשן זיך פאַרטרויט.

ווער ווייסט ?

דער ווינטער האָט מיך אויסגעמיטן,
נישט קיין רעגן, נישט קיין שניי.
אויף מיזרח־זייט — אַ זון צעגליטע,
אויפן מערב — איך פאַרגיי.

נאָר צי וועל איך אויפגיין ווידער
אויב נישט פלאַצן וועט קיין אײַז ?
אפשר בלויז אין מײַנע לידער —
ווער ווייסט, ווער ווייסט ?

ווי לאַנג?

ווי לאַנג איז לאַנג,
ווי ווײַט איז ווײַט,
ווען צײַט איז מער קיין צײַט
און קלאַנג — קיין קלאַנג,

ווען פּוסטקייט איז אַרום
און וואַרטסט, און וואַרטסט —
דאָס וואָרט איז שטום
און שטום דאָס האַרץ?

דו הערסט זיך אין דער פּוסטקייט אײַן
און פּרוּווסט דערהערן זיך אַליין,
נאָר ביסט פון זיך אַליין פאַרשטעלט
ווי ס׳איז פון דיר — די וועלט.

דער גרינער טײַך

דער גרינער טײַך פון מײַנע קינדער־יאָרן
איז שוין אויבעט אַלט און גרוי געוואָרן,

גערונצלטע די כוואַליעס אויף זײַן שטערן
זײַן שטילער פליסטער קוים איז צו דערהערן.

זאָגט ער תּפילה איצט דער טײַך דער אַלטער?
פרוווט ער עפּעס אין זײַן טיף באַהאַלטן?

מיר דאַכט, כ׳בין ווידער איצט בײַ זײַנע ברעגן
און כ׳וואָלט װעלן אים אַזוי פיל פרעגן,

נאָר שטום איך שטיי פאַר מײַנע קינדער־יאָרן —
דעם גרינעם טײַך, וואָס איז שוין גרוי געוואָרן.

ווידער פאַלן בלעטער

ווידער פאַלן בלעטער האַרבסטיק געל
און עס פאַרקערט זײַ שטיל דער גערטנער — ווינט
גלײַך ער וואָלט אַרויס פון אַ געמעל
וואָס טראָגט זיך אויף אַ וואָלקן און פאַרשווינדט.

דער גוטער ווינט, מיר דאַכט זיך אַז ער גלעט
די בלעטער וואָס זיך וואַלגערן אַרום
אָפּגעריסענע פון צווײַג און שטאַם, און שטום
זיי וואַרטן ביז זיי עמעצער צעטרעט.

און איך וואַרט אויך. איך וואַרט ביז וואַן
דער ווינט אַ ווירבל און אַ יאָג טאָן וועט
די געלע בלעטער און פאַר אָוונט־שפּעט
זיי אָנצינדן מיט צונטער־רויטן פלאַם.

די ווײַנענדיקע ווערבע

די ווערבע, וואָס איך האָב אין וועג געלאָזן
ווײנט אַוודאי נאָך מיט גרינע טרערן
וואָס פאַלן אינעם טײַך אַראָפּ ווי שטערן
און פלעכטן זיך אַרײַן אין וואַסער־גראָזן.

די ווײנענדיקע ווערבע — פאַר די אויגן
איך האָב זי שטענדיק מיט איר וויי און אומעט.
איז עס דער בוים וואָס שטייט בײַם וועג געבויגן
אין מאַנגערס ליד פון איינעם אַ שפּעט־זומער?

און אפשר פון אַן אַנדער ליד גאָר איז ער —
וועגן ייִד מיט די פאַרווײנטע אויגן?
און כ׳ווייס שוין איצט אַליין נישט ווער —
דער ייִד אָדער דער בוים שטייט אײַנגעבויגן.

צעשטערטע אידיליע

זאַפטיקער און גרינער ווערן גראָז,
דיביימער — פול מיט צוויט.
פון הימל־שטייַג אַרויסגעלאָזן
אַ בלויער פויגל פליט.

בלויער שאָטן אויף די גראָז,
גרינער — אויפן פויגל־פלי.
באַלד הייבט אָן אַ ווינטל בלאָזן,
גלעט דעם וונדער־אינדערפרי.

אַלץ איז שיין און אויסגעסדרט
ווי ס׳וואָלט דאָ גאָט געררוט,
גלייַך ס׳וואָלט די וועלט געווען נאָך איידער
ערשט פאַרגאָסן טראָפן בלוט...

*

דער וואַלד האָט מיך פּאַרטוליעט אין זײַן גרין
און כ׳קאָן פון אים נישט מער אַרויס־זיך־טוליען.
פאַרלוירן צווישן סטעזשקעס כ׳שפּאַן אַהין,
ווו ביימער האַלטן אונטער בערג, ווי קוליעס.

דאָרט הענגט די זון ערגעץ אויף פּלאַסטן שניי
און קילט אין ווײַסקייט אירע פלאַמען.
באַלד וועט דער טאָג אין וואַלד־שאָטנס פאַרגיין
און בלײַבן כ׳וועל מיט אומרו בלויז צוזאַמען.

שאָטנס

אין וואַלד

I

פרימאָרגן.
די ביימער שווײַגן
און הערן צו זיך
צום געזאַנג פון גריל,
וואָס האָט זיך ערגעצווו
פאַרבאָרגן
צווישן גרינעם גראָז
באַדעקט מיט טוי.
ס'באַוועגט זיך נישט
קיין בלעטל אויף די צווײַגן
וואָס פאַרשאָטענען דעם הימלבלוי.
און דאָך
עס דאַכט זיך,
אַז זיי מורמלען צווישן זיך
די בלעטער:
ערגעץ שאַרפט שוין ווידער
עמעצער
זײַן האַק...

II

און איך האָב היינט
פּאָרטרויט זיך צו דעם בוים און קוסט
וואָס שטייען שטום
און הערן:
— אַרום מיר איז פּוסט,
אין מיר איז פּוסט,
און דאָך
עפּעס האַלט אין ווערן
און זיך מערן.
איך קוק אויף אײַער גרין
און טראָג אַוועק זיך
ערגעץ ווײַט —
אַהין,
ווו כ׳האָב צום ערשטן מאָל
געטונקט אין אים די אויגן.
און כ׳פּיל,
ווי ס׳וואָלט דאָ אויף מיר אָנגעפלויגן
און מיך איבערפּולט
אַ שטורעם פון געזאַנג
און אַ פאַרלאַנג
צו גיין
אַ ווײַטן, ווײַטן וועג — — — —

בענף, קאַנאַדע, 1983

ווי וועט זײַן?

די בערג באַדעקט מיט שניי
דערגרייכן ביז
די וואָלקנס און נאָך העכער.
צופוסנס — לייק לואיז,
אַ שפּיגלדיקער בעכער
גרינער ווײַן.
איך וואָלט אַ טרונק געטאָן פון אים
ביז שיכּור ווערן
און אַ שרײַ געטאָן
אַז ס׳זאָל דער גאַנצינקער
אַרום דערהערן —
פונעם גרינעם טאָל
אַזש ביז די שטערן.

נאָר ווי וועט זײַן,
אַז ס׳וועט מײַן קול
ערגעץ אינעם שניי
פאַרפאַלן ווערן
און בלײַבן וועט פון דעם
אַפילו נישט
קיין עכאָ?

לייק לואיז, קאַנאַדע, 1983

ווידערקול

ווער האָט אים אָנגערופן — שטילער,
דעם אָקעאַן,
וואָס וואַשט די מערבדיקע ברעגן
פון דעם לאַנד ?
ווי ווײַט דאָס אויג און אויער גרייכט —
פון ראַנד ביז ראַנד
די כוואַליעס וויגן זיך
און רוישן,
ווי נאָך אַ שטורעם־רעגן,
ווען די לופט ווערט קילער
און פלעקן בלוי
זיך רײַסן דורך צעווישן כמאַרעס.
נאַכט אַזוי
און טאָג,
טאָג אַזוי
און נאַכט,
ער רוישט דער אָקעאַן
ווי ער וואָלט רופן —

מאַכט אַ וואַרע
פאַר דעם ווידערקול
פון
וועלט־באַשאַף !

האַוויי, 1984

מאָרזע־צייכנס

וועט ער זיך ענדיקן אַ מאָל
דער וועג
וואָס אַנטלויפט פון טאָל
און פירט מיך באַרג־אַרויף
צו די זיבן וווּנדער —
וואַסערפאַלן ?
מיינע באַגלייטער —
די זילבער־שטראַלן
וואָס פאַרלירן זיך
אין צווישן ביימער־קרוינען
שווייַגן.
פאַרשוויגן איז געוואָרן
אויך דער ווינט.
בלויז דאָס ריטשקעלע
וואָס רינט מיט אַ געפּילדער
צווישן שטיין און ערד
מײַן אומרו האָט דערהערט
און שיקט מיר
גרוסן —
מאָרזע־צייכנס — — —

האַוויי, 1984

אין דער שײנער האָנאָליולו

ווען דו קומסט קײן האָנאָליולו
פֿאַרגעסטו גאָר אין דעם מעת־לעת,
ווען צו אויפֿשטײן, ווען גײן ליוליו,
צומאָל אין זיך אַלײן פֿאַרגעסט.

ים און זון און ווידער ים,
דאָס גאַנצע אינדזל איז צעבליט
מיט אַ רעגנבויגן־פּלאַם,
און דו פֿאַרלירסט זיך אין דער מיט.

ווידער אײנזאַם אין המון.
ווילסט צו עמעצן זיך טוליען
בלײַבסטו שטײן ווי פֿאַר אַ תּהום —
אין דער שײנער האָנאָליולו.

האַוואַיִ, 1984

געוועזן אַ מאָל

שטיינער אָנגעוואַלגערט
בלאָק אויף בלאָק
און וואָס העכער אויפן שטאָק
אַלץ נענטער
צו די געטער
פון רחמים און גענאָד.
האָבן מענטשן
דאָ געקלעטערט
באַרג אַרויף
און באַרג אַראָפּ
און יעדן גאָט
געבראַכט אַ קרבן האָבן זיי —
אַ קאָפּ.
דעם גאָט פון זון,
דעם גאָט פון רעגן,
דעם גאָט פון שניט
און אויך פון פינצטערניש
דעם גאָט —
אַ מענטשן־קאָפּ.

און די געטער?
ווי אַלע געטער
און אויך מײַנער —
מיט דונערן און בליצן
פון די אונטערטאַנען

האָבן זיי געלאַכט,
אַראָפּגעלאָזט אויף זייער פּאָלק
אַ טיפֿע
שוואַרצע
נאַכט.

און מער נישטאָ איז קיינער,
געבליבן איז דער גרויסער
הויכער באַרג
פֿון שטיינער
אויסגעלייגט אין רייען
און בלויז ער דערמאָנט:
געווען אַ מאָל
אַ פֿאָלק
פֿון מאַיען — — —

טשיטשען־איצאַ, מעקסיקע, 1985

1. ...און ס'וויגט מיך איַין די נאַכט

אַ דיקע מויער גאַרטלט זי אַרום
די שטאָט
וואָס האָט געטראָגן שפּאַניעס קרוין,
שמאָלע פענצטער קוקן שטום
פון בערג אַראָפּ
אויף דעם המון
וואָס שניַידט טומלדיק אַדורך
די געסלעך — ליקן
און זוכט,
און זוכט
זיך צו דערקוויקן
מיטן דינעם גאָלד־געוועב
אויף קאַטעדראַלע
וואָס שימערירט
אַנטקעגן זון טאָלעדאָס;
מיט טורעמס מורישע
וואָס טראָגן נאָך די שטויבן
פון פאַרציַיטן
און שאָטנס זייערע באַגלייטן
דיַין יעדן קער און ווענד.

נאָר איך,
וואָס וואַנדער דאָ אַן איינזאַמער
אינצווישן די געטריבענע פון ניַיגער,
בין פון דעם אַלעם נישט פאַרבלענדט.
אין דמיון מיַינעם דרייט זיך אויף צוריק

פון צײַט דער זייגער
און דער װײַזער שטעלט זיך אָפּ
ערגעץ בײַ דעם סוף
פון עלעפטן יאָרהונדערט.

אויך איך בלײַב שטיין
און הער זיך אײַן פאַרוװוּנדערט
אין די װייכע טריט
װאָס הילכן אָפּ אויף האַרטן שטיין
מיט אַ געזאַנג
פון אים אַליין —
יהודה בן הלוי,
און איך פאַרנעם זײַן ליד
און איך גיי מיט
זײַן װעג פון דאַנען
אַזש ביז דעם ציון־לאַנד,
און ס׳וויגט מײַן שיף זיך אויפן ים
און ס׳וויגט מיך אײַן
די נאַכט
װאָס פאַלט שוין צו
אין שפּאַנישן טאָלעדאָ.

2. איצט קום איך אַרויס פון טאָל

און ווידער זינגט אין מיר אַ ליד
צום טאַקט פון טריט.
אויף שטיין־ברוק פון גראַנאַדאַ
דער וועג אַלץ העכער, העכער פירט,
און באַלד וועל איך אַוודאי
גרייכן צו אַלהאַמבראַ
דעם ווונדער פון דער וועלט
אין שטיין פּאַרקריצט.
פון ווײַטן
זעט זיך שוין אַ טורעם־שפּיץ
וואָס העלט
אין זון צעגליטער,
נאָר אין מײַן האַרצן ציטערט
דאָס ליד פון דיכטער קירסאַנאָוו סעמיאָן
וואָס כ׳טראָג מיט זיך
פון דעמאָלט אָן
ווען ס׳האָט הערצער אָנגעצונדן
אין אַ וואַרשעווער טעאַטער־זאַל
ווו אַ שטילקייט האָט געהערשט אַזאַ,
וואָס כ׳האָב קיין מאָל מערער נישט געהערט:
גראַנאַדאַ, גראַנאַדאַ,
גראַנאַדאַ מאַיאַ...

געוועזן איז דעמאָלט מיר
גראַנאַדאַ נאָנט
ווי דאָס ליד
וואָס איז געקומען גלײַך פון פּראָנט,
נאָר וואָס האָב איך געוווּסט
פון יענעם ווײַטן לאַנד
וואָס האָט אַ מאָל
דעם לעצטן ייִד פאַרטריבן...
איצט קום איך אַרויס פון טאָל
און שטײַג אַרויף צו דער אַלהאַמבראַ.
פון דער נאָנטקייט
איז קיין שפּור געבליבן.
כ׳בין מיד
און ס׳באַהערשט אַ פרעמדקייט מיך אַזאַ —
פאַרגיב מיר
גראַנאַדאַ, גראַנאַדאַ,
גראַנאַדאַ מאַיאַ...

3. גוואַדאַלקיוויר

אין פינצטערניש פונעם זיכּרון
צעעפנט זיך אַ שמאָלע טיר —
אַ ליכטשײַן בלויז וואָס ליד ז׳געוואָרן:
עס רוישט,
עס לויפט,
גוואַדאַלקיוויר.

דער הייסער ריטעם פון די שורות
פּושקינס האָט אַ מאָל געבראַכט
צו מיר פון ווײַטן בלויע בשׂורות
אין דער קאַלט־אוראַלער נאַכט.

איצט שטיי איך בײַ זײַנע ברעגן,
דעם טײַך וואָס שנײַדט אַדורך סעוויל,
פון הימל פאַלט אַ דריבנע רעגן
און אַרום איז שטיל, איז שטיל,
איך הער נאָר בלויז ווי ס׳זינגט אין מיר:
עס רוישט,
עס לויפט,
גוואַדאַלקיוויר.

גוואַדאַלקיוויר, גוואַדאַלקיוויר —
איך קוק ווי ס׳לויפט דער טײַך צום ים
און אין זײַן האַסטיקן וויבריר
דערטרונקען ווערט אַ פײַער־פלאַם.

איז עס די זון שוין בײַ איר ראַנד,
אָדער אויטאָ־דאַ־פע גאָר ברענט
שוין ווידער דאָ אין שפּאַניע־לאַנד
און פונעם פלאַם זיך רײַסן הענט,

די זעלבע הענט פון זעלבן פלאַם
וואָס האָט אין ברוינער געטאָ־נאַכט
געפלאַקערט און פאַרצוקט מײַן שטאַם
און די זון האָט רויט געלאַכט ?..

גוואַדאַלקיוויר, גוואַדאַלקיוויר,
ווי קום איך גאָר אַהער צו דיר ?
כ׳בין אַש פון יענעם פלאַם, נישט מער,
נאָר פּושקינס ליד נאָך אַלץ איך הער :
עס רוישט,
עס לויפט,
גוואַדאַלקיוויר.

4. אַ ייִד אין מאַדריד

פּאַוואָליע שלעפּ איך מײַנע מידע טריט
אויף גאַסן און בולוואַרן פון מאַדריד.
אין פּאַלאַץ שוין געווען און אין מוזייען
און איך מוז נאָך ווײַטער, ווײַטער גייען,
אײַנזאַפּן די ליכט־און שאָטן־פאַרבן,
ווי דער טאָג וואָס ווייסט אַז ער וועט שטאַרבן,
נאָר וועט אויפהיטן אין זיך די שטראַלן
ביז צום אויפגיין ווידער, אַז פאַרפאַלן
זאָל קיין שטויבעלע נישט ווערן, כאָטש פאַרענדערט
ס׳וועט צוזאַמען מיטן מאָרגן דאָ אַ בלענד טאָן.

געזעגנט זיך מיט מיגועל סערוואַנטעס
וואָס זיצט רוּיִק אויפן טראָן גראַניטענעם
אין מיטן שפּאַניע־פּלאַץ, און אויף געשפּאַנטן
פערד דערנעבן — דאָן קיכאָט, און מיט אים
סאַנטשאָ פּאַנשאָ קומט צו רײַטן —
שלעפּ איך ווײַטער זיך און אַ צעגליטע
זון הענגט איבער מיר ווי אין די צײַטן
פון סערוואַנטעסן און דאָן קיכאָטן.
כ׳וואָלט שווערן — ס׳איז די זעלבע זון וואָס ריטער
האָבן זיך פאַרשטעקט פון איר אין שאָטן.

זוך איך אויף אַ שאָטן און כ׳פאַרוואַנדער
צווישן גאַסן, געסלעך צו אַ ראַנד דאָרט,
ווו שטאָט איילבירט-ביימער שטייט אַ מויער
און אַ מגן־דוד לײַכט בײַם טויער.
ווערט מיר הייסער נאָך ווי פון דער חמימה —
אפשר וועל איך אייגענע געפינען...
נאָר דאָס טויער איז פאַרהאַקט מיט שלעסער,
ס׳האָט אַליין דאָס פאָלק אין דעם פאַרגעסן.
— — — — — — — — — — — — — — —
גיי איך ווידער אויף די גאַסן פון מאַדריד,
אַן איינזאַמער, אַ זוכנדיקער ייִד.

שפּאַניע, 1987

א. שאַלאָם

מיט זינגענדיקן, פריילעכן שאַלאָם
האָט מיך באַגעגנט דאָ אַ יעדער בליק
און ס'האָט אַ שלאָג געטאָן צום האַרץ אַ שטראָם,
וואָס האָט פאַרשווענקט די אַלטע בריק...

שאַלאָם — גערופן האָט די אויפגעפלאַצטע ערד
וואָס בענקט נאָך רעגן,
שאַלאָם — גערופן האָבן אַלע הייזער
ביי די וועגן,
שאַלאָם — גערופן האָבן פעלדזנשטיינער,
וואָס שפרייטן זיך פון ראַנד ביז ראַנד.

און איך בין אומגעגאַנגען איינער,
וואָס איז נאָך פרעמד און איז שוין אייגן
אין דעם לאַנד,
געגאַנגען צווישן וואָר און חלום
און געפליסטערט דורך אַ טיפן שווייגן:
שלום, שלום, שלום.

ב. פאַרנאַכט אין נגב

די בעדוויִנער —
שוואַרצע שאָטנס
אויפן געלן ברענענדיקן זאַמד —
שלײַכן זיך פּאַוואָליע נאָך די קעמלען,
וואָס שטרעקן אויס די קעפּ צום הימל־ראַנד,
ווי זיי וואָלטן תּפילה טאָן
צו דער פאַרגייענדיקער זון.

בײַם ברונעם זאַמלען זיך די אייזלען
און קינדער באָרוועסע אַרום
רופן איבער זיך מיט קולות,
וואָס שנײַדן דורך די שטילקייט.

פון ערגעץ ווײַט
ציט אָן אַ גרויע כמאַרע
און בלײַבט הענגען —
אַ צעפליקטער שירעם
איבער גאָר דעם נגב,
וואָס לייגט זיך
ווי אַ סטאַדע קעמלען
שטיל צום שלאָף.

ג. סדום

זינדיקע פון אַלע עקן וועלט
קומען אין דער אַלטער שטאָט פון זינד
בײַם ים המלח
און קוקן בלינד
אויף לוטס ווײַב —
אַן איבערבלײַב
פון שטיין און פון לעגענדע.
און ווו זיי זאָלן שפּעטער נישט
די בליקן ווענדן
זיי וועלן שטענדיק זײַן אין סדום,
בײַם ראַנד פון תּהום —
די זינדיקע
פון אַלע עקן וועלט.

ד. שלום עליכם דיר, טביה

אין מדבר אויף זאַמדיקע וועגן
קומט טביה אַליין מיר אַנטקעגן,

ער פירט זיך זײַן פורל געלאַסן,
ווי אויף די כּתרילעווקער גאַסן,

נאָר שטאָט אַ סוס גאָר אַן אייזל,
פאָרויס גייט און דרייט מיטן וויידל.

און טביה נישט קאַרגט אים קיין לשון:
„חמורישער קאָפּ פאַר אַ גראָשן,

מען זאָגט צו דיר שׂמאלה איז שׂמאלה,
אַ רוח אין דײַן אייזלשער דאָליע,

וואָס ציסטו נאָר בלויז אויף ימינה,
דאָרט ענדיקט זיך דאָך די מדינה".

אויף פורל עס גלאַנצן די קאַנען
ווי ס׳וואָלטן דאָרט זונען געשטאַנען,

און טביה אַרויסלײַכט אין מיטן
אַליין ווי אַ זון אַ צעגליטע.

שלום עליכם דיר, טביה —
שרײַ איך אים נאָך אַ צעשטרײַטער —

און ס׳דאַכט זיך מײַן רוף ווערט צעטרײַסלט
צעווישן די מדברשע ווײַטן.

ה. דאָס פֿײַער ברענט נאָך

אין מאַוזאָליי פֿון מאַרטיראָלאָגיע
בײַ יד ושם

אויבּ הייליק איז די ערד פֿון מײַנע אָבות,
איז דאָ די ערד מיר צענפֿאַך הייליק —
דאָס שטיקל ערד מיט שטיין באַדעקט.
פֿאַרשוווּנדן ווערט דאָ וואָס געטייליקט,
און דער פֿעלדזנשטיין דער גרויער
שטומע פֿאַרכטיקייט דערוועקט.

שטיי איך שטיל און וויש די טרערן —
באַלד דאַכט זיך וועל איך דערהערן
פֿון די אַשן אַ געשריי.
די פֿון בעלזען און מאַידאַנעק,
פֿון אָשוויענטשים, באַבי יאַר,
די פֿון כעלמנאָ
און טרעבלינקע
און פֿון בעלזשעץ,
פֿון פּאָנאַר —
אַלע קומען מיר אַנטקעגן
אויף די טויטע, פּוסטע וועגן
און איך מיש זיך אויס מיט זיי.

און פֿון ווײַטן ברענט אַ פֿײַער,
ברענט און לעשט זיך קיין מאָל אײַן —
איז די ערד מיר צענפֿאַך טײַער,
הייליק בײַם נר־תּמיד־שײַן.

ירושלים — וואַרשע, 1963

נעכטיקע טעג

גענעסן אין אַ טיפֿן שווײַגן
אײַנגעקוקט און אײַנגעהערט
אין טעג די נעכטיקע,
אין ווײַטע טעג —
אין זיך אַליין.
ווי פֿון אַ תּהום אַרויס
זיי קומען ווידער
שטיל צו גיין,
די טעג די נעכטיקע,
די ווײַטע טעג,
און פֿאַרן בליק
זיי בלײַבן שטיין.
קוק איך
און דערקען זיי נישט,
די טעג די נעכטיקע,
די ווײַטע טעג
און אויך נישט
זיך אַליין — — —

אין אַלבאָם פונעם זיכּרון

צוריקקער

נאַכט.
אין חלום
מײַן צוריקקער
צו וואַרשע,
אומשלאַג־פּלאַץ,
צו סטאַווקע
און צו דזשיקע.
די גאַסן אויסגעליידיקט
שטיל.
דער טויט
פון יעדן טויער
הויערט.
בלויז דאָרט
צווישן רעלסן און וואַגאָנען
מישט זיך אויס
אַ פרעמד געשריי
און אַ געוויין
וואָס איז מיר אַזוי נאָענט
ווי דער וויי
פון קינד
ווען ס׳פּאַלט אויף ברוק
און שוואַרצע שטיוול
טרעטן אויף זײַן
קעפּל.

✶

נאַכט.
אין חלום
מײַן צוריקקער
צו קינדער־יאָרן
היים,
צו סטאַווקע
און צו דזשיקע.

די מאַמע פירט מיך פאַר דער האַנט
און איך פיר אויף אַ שטריקל די לבנה
ביז מיר קומען צו דער קרומער וואַנט
און דאָרט באַהאַלט זי ערגעצוווּ איר פּנים.
אויף צוריקוועגס זי באַווײַזט זיך ווידער
ליכטיק שמייכלענדיק אין טונקלען בלאָ,
נאָר בײַם טורעמל, וואָס הייבט זיך פון דער נידער,
זי פאַרשווינדט, פאַרלירט זיך און... נישטאָ.

וויל איך לויפן ביז אויף יענער זײַט פאַרקאַן,
ווּ אַ מאָל כ׳פלעג צווישן גראָזן זיך פאַרשטעקן.
אפשר איז זי דאָרטן נאָך פאַראַן
די זילבער־קויל מיט טונקלע פלעקן.
נעמט די מאַמע שרײַען אויף אַ קול:
— ווּהין, ווּהין, דער אומשלאַג־פּלאַץ, מײַן קינד! —
און פעסט זי דריקט מײַן האַנט איך זאָל
חלילה נישט פאַרצוקט ווערן פון בייזן ווינט.

*

נאַכט.
אין חלום
מײַן צוריקקער
צו וואַרשע
אומשלאַג־פּלאַץ
צו סטאַווקע און צו דזשיקע.

פֿאַרלוירן די לבֿנה,
דער מאַמעס האַנט פֿאַרלוירן.
אַליין אין דער סכּנה
וואָס הערט נישט אויף צו לויערן.
ווּ לויפֿט מען פֿון די פֿלאַמען,
ווּ לויפֿט מען, גאָט, פֿון געטאָ?
מאַמע מײַנע, מאַמע,
לאָז מיך נישט צעטרעטן...

*

נאַכט.
אין חלום
מײַן צוריקקער
צו וואַרשע
אומשלאַג־פּלאַץ
צו סטאַווקע און צו דזשיקע.
און כ׳זוך אַלץ די לבֿנה,
דער מאַמעס האַנט,
די מאַמע,
מײַן פֿאָלק
וואָס כ׳האָב פֿאַרלוירן
צווישן געטאָ־פֿלאַמען.

מיט ווייטיק אין האַרצן
און רופן פון דורות

מאיר שטיין האָט איבערגעלעבט די היטלער־אָקופּאַציע אין וואַרשע, אויסבאַהאַלטן אין אַ טויבן־שלאַק. אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, מיט וועלכער ער איז געווען פאַרבונדן, האָט ער געטראָגן דעם פּסעוודאָנים „אָדלער".

(פון אַ גבית־עדות)

געקומען איז ער פונעם ראַנד פון די תּהומען —
פון סטאַווקע און דזשיקע, פון סמאָטשע און מילע,
און מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פלאַם פון נקמה,
וואָס קאָן שוין מער קיין מאָל נישט, קיין מאָל נישט שטילן.
פאַרפאָלגט האָבן אים דאָ אין נעסט פון די טויבן
דער אָפּהילך פון הײַזער וואָס האַלטן אין פאַלן,
די קרעכצן פון ברידער דערשטיקטע דורך שטויבן
פון גאַזן אין בונקערס און וואַסער־קאַנאַלן.
און ווען ער האָט דאָ בײַ דעם שײַן פון די שטערן
געגרייט זײַנע גרויע בוקעטן — גראַנאַטן,
פלעגט ער אין דער שטילקייט פון אָוונט דערהערן
דאָס וויינען פון שוועסטער, פון אַלטיטשקן טאַטן,
געפירטע צום אומשלאַג.

אַוועק איז שוין אַלץ דאָ מיט רויך און מיט פײַער,
געבליבן איז קיינער נישט צווישן די חורבות,
און בלויז אין די נעבט באַוועַזט זיך דאָ מאיר —
דער „אָדלער" מיט זײַנע גראַנאַטן, און באַרוועס,
אַז ס'זאָלן די טריט נישט די שטילקייט צעשטערן,

ער לויערט אַ שטומער אויף ווילדע היִענעס,
וואָס קומען אַהער מיטן טויט זיך דערנערן —
און יעדן פֿאַרטאָג, ווען די זון הייבט אָן ברענען
און שטייגט אויף פֿון הינטער די ווײַסלשע ברעגן,
פֿאַרגאָסן אין געטאָ מיט בלוט זענען וועגן —
און ווידער איז וואַך אונדזער „אָדלער".
— גוט־מאָרגן אייך, טײַבעלעך, ווײַסע און גרויע! —
אַזוי פֿלעגט באַגריסן דער „אָדלער" די טויבן
נאָך נאַכטיקן וואַנדער, ווען ער האָט זײַן טרויער
צום הייליקן אַקט פֿון נקמה דערהויבן.
און זיי, די אומשולדיקע טויבן די ווײַסע,
געקוקט אויף אים האָבן מיט מענטשלעכע בליקן,
געדאַכט האָט זיך אים, אַז עס קומען די מתים
פֿון גריבער אַרויס און זיי מאָנען: דערשטיקן,
דערווערגן זאָלסט דו יעדן אוממענטש געמיינעם,
וואָס האָט נאָר אַ חלק אין טויט פֿון מיליאָנען!
און ער האָט אין נאַכטיקן וואַנדער נישט קיינעם
געשוינט, נישט פֿאַרגעסן די מערדער דערמאָנען
דאָס גרויסע פֿאַרברעכן.

מיט ווייטיק אין האַרצן און רופֿן פֿון דורות,
מיט בלוט אין די אויגן און קראַפֿט אין די פֿינגער,
בײַם שײַן פֿון מיליאָניקע שטערן — מנורות,
אַוועק איז ער יעטוועדע נאַכט ווי אַ זינגער,
וואָס האָט נאָך זײַן ליד ביזן סוף נישט דערזונגען,
פֿאַרעקשנט אַזוי — נאָכן בלוט פֿונעם שׂונא!
און יעדן באַגינען, ווען גאָלדענע רינגען
פֿון זון־ליכט געשפּילט האָבן זיך אין זײַן וווינונג —
געוועזן איז ער מיט די טויבן.

אַזוי איז באַגינען אַוועק נאָך באַגינען,
ביז איין מאָל עס זענען פאַרשוווּנדן די טויבן
פון נעסט, דעם באַהאַלטענעם צווישן רויִנען,
ווי עמעצער וואָלט דאָ געקומען באַרויבן
דעם „אָדלער״ פון לעצטער באַרירונג מיט לעבן.
געזוכט האָט ער דעמאָלט אין הימלען די גרויע
די פּרײַנט, וועלכע פלעגן באַגינען דאָ שוועבן.
פון הימל אַראָפּגעוויינט שטיל האָט דער טרויער,
און טראָפּן נאָך טראָפּן געקלאַפּט האָט דער רעגן
אין הילצערנעם דאַך פון דער אָדלערשער פעסטונג,
ס׳איז ערגעץ נישט ווײַט אַ געפאַר דאָ געלעגן,
צעווישן די חורבות אַרום זיך גענעסטיקט,
געפילט האָט דער „אָדלער״

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין יענעם באַגינען האָט רויט זיך צעצונדן
דער וואַרשעווער הימל פון אַלע פיר זײַטן,
און ס׳איז מיט די פלאַמען דער „אָדלער״ פאַרשוווּנדן —
זײַן אַש בלויז די ווינטן צעשפּרייטן...

(געשריבן אין וואַרשע, צום צענטן יאָר־
טאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד. צווייטער
וואַריאַנט — ל. א., 1987)

אין אַלבאָם פונעם זיכּרון

מיט אָנגעשפּיצטע נערוון אין די ציטער־פינגער
איך מיש די בלעטער אין אַלבאָם פונעם זיכּרון
און אַלץ וואָס איז פאַרגאַנגען שוין זינט לאַנגע יאָרן
קומט ווידער אויף און איך אַליין ווער יינגער, יינגער.
אָט לאָז איך שיפלעך אינעם רינשטאָק וואָס פאַרשווינדן
פון מײַן בליק ערגעץ אין ווײַטע טײַכן, ימען,
איך וואָלט מיט זיי אַוועק אַהין, נאָר ס׳וואַרט מײַן מאַמע.
ווי קאָן איך לאָזן זי אַליין אין קראַנקן־בעט ווען ס׳צינדן
אָן זיך די לאַמטערנס שוין ווי קליינינקע לבנות
און מיניען זיך אַריבער קעפּ מיט זילבער־פאַרבן.
ס׳איז פרײַטיק אויף דער נאַכט. זי קאָן נאָך ווידער שטאַרבן
און כ׳וועל אויף אייביק, שוין אויף אייביק בלײַבן אָן איר.

ערשטער שבת אָן דער מאַמען. ס׳בעט איז ליידיק,
איך וואַרף אַהין פון צײַט צו צײַט באַהאַלטענע בליקן.
איך ווייס שוין אַז פון דאָרט נישטאָ איז קיין צוריקקום,
נאָך דאָך, אפשר וועט זי כאַטש אַ וואָרט אויסריידן,
אַ גלעטנדיקן רוף טאָן מיך — משהלע, מײַן קינד — — — —
דערווײַל רופט מיך דער טאַטע. מיט פאַרווייַנטע אויגן
ער זיצט איבער אַן אָפן ספר טיף געבויגן
און קוקט אַריבער דעם, ווי ער געוועזן וואָלט בלינד.
— געדענקסט דעם קדיש? — זאָגט ער — דאַרפסט אים קענען —
און איך באַווײַז אים — יתגדל ויתקדש...
צי הערט זי מיך, די מאַמע? מײַן קול ווי פון אַ פלאַש
אַרויס קומט און פאַרשטיקט עס וועט צו איר גענענען.

מײַן קול איז אַלץ פאַרשטיקט נאָך ווען איך מיש די בלעטער
אין אַלבאָם פונעם זיכּרון. יאָרן און געשטאַלטן
לויפן מיר פאַרבײַ און שווער איז זיי פאַרהאַלטן.
און ס'מישן צײַטן זיך — דער פריִער און דער שפּעטער.
און ס'מישן ערטער זיך און פּלעצער, ווו געווען
איך בין, ווו נישט געווען. צווישן אוראַלער שנייען
איך זע די ייִדן וואַרשעווער אין געטאָ גייען
און בײַ דעם דאָמנע־איוון וואָס אָן אויפהער איז אין ברען
איך זע די אוישוויץ־רויכן און מײַן מיידלס לאָקן
וואָס לײַכטן זיך אַרויס פון צווישן שוואַרצע כמאַרעס.
איך ליג פאַרנורעט ערגעץ אויף אַ לאַגער־נאַרע
און לויף מײַן מאַמען זוכן איבער טרעפּ און שטאָקן.

וועל איך זי געפינען? לאַמטערנס ווידער זיך צעשײַנען
און שאָטנס פאַלן אויף מײַן מאַמעס בלייכן פּנים.
אַזוי פיל יאָרן שוין, אַזוי פיל יאָרן אָן איר
און מיר ווילט אַלץ זיך נאָך מיט שטילע טרערן וויינען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט אָנגעשפּיצטע נערוון אין די ציטער־פינגער
איך מיש די בלעטער אין אַלבאָם פונעם זיכּרון.

שווער צו אונטערשיידן

די מומע גאָלדעשי אַ גוידער האָט געהאַט אַ גרויסן
און פּיסלעך קלייניַנקע, וואָס האָבן קוים דעם גוף געהאַלטן.
ווען שטיל געגעדט אין שטוב זי האָט, געהילכט עס האָט אין דרויסן
און שווער ז׳געווען איר ווערטער־שטראָם אַ רגע צו פאַרהאַלטן.

און זי געהאַסט האָט וואַלד און פעלד, אַזוי האָט מיר געדאַכט זיך,
„אויף אַלע וויסטע וועלדער, פעלדער" — פלעגט זי אָן
אויפהער שפּײַען —
גלײַך אָפּשפּרעכן זי וואָלט אַן עין־הרע, ווי עס מאַכט זיך,
און גוטע עצות זי געהאַט האָט יעדן צו נאַראַיען — — —

אוי, די מומע גאָלדעשי, אַ ליכטיקער גן־עדן אויף איר.
געזאָגט מען האָט: „ס׳אַ שטילינקע נשמה און אַ האַרץ אַ פּײַער",
„די פּיסלעך שלעפּן זיך און ס׳מײַלעכל, עס גייט אויף שרויפן",
נאָר געווען אַלץ איינס זי איז מיר ליב און טײַער.

זיסוואַרג פלעגט זי טײלן אונדז פון אונטער פאַרטעכל דעם קליינעם
און אַ קניפּ געטאָן דערבײַ אין בעקל אָדער הינטער־חלק,
און באַלד פאַרשוווּנדן איז זי אויף די דראָבנע פּיסלעך אײַליק,
נאָר נישט פאַרשוווּנדן איז זי אין זיכרון מײַנעם.

✶

די מומע גאָלדע, דו געדענקסט די מומע גאָלדע —
איך פרעג בײַ זיך אַלײַן און ס'שאַטנט אין זיכּרון.
ווי אַ פּאָרטרעט מיט פאַרבן ליכטיקע געמאָלן
איר געשטאַלט אַרויס קומט פון דער ראַם פון יאָרן.

הויך און שלאַנק, מיט קנייטשן אויפן אויסגעדאַרטן פּנים,
מײַן מאַמעס בלויע אויגן און איר קלוגער שמייכל.
דרײַ טעכטערלעך געהאַט האָט זי און אויך דרײַ בנים
נאָר פון גליק און נחת אינעם הויז, קיין צייכן.

פון דער מומע גאָלדעשי געוועזן איז זי דער היפּוך —
אַ שטאָלצער בוים, נאָר פון דער צײַט געבויגן,
אַ רענדל פאַר אַ וואָרט אויף אירע דינע ליפּן.
נאָר אַלע מאָל געוועזן איז עס געמאָסטן און געווויגן.

✶

אין חלום קומען זיי איצטער צו מיר צוזאַמען
די מומעס צוויי, נאָר שווער איז מיר זיי אונטערשיידן.
זיי שיילן זיך אַרויס פון געטאָ-אַשן, רויך און פלאַמען
און ווי אַ מאָל איך טוליע-און-פאַרליר-זיך צווישן ביידן.

דער ווינט נאָך וויטערט

אַנגעלאָפן איז דער פעטער לוי
פונעם שטעטל מיט אַ קלומעק אויפן אַקסל,
גלײַך ער וואָלט אַרויס פון נחס תּיבה
און עס הענגען נאָך אויף אים די שלאַקסן.

אין די אויגן אומרו האָט געציטערט,
אויף די שטיוול — בלוט־באַפלעקטע בלאָטע,
און געדאַכט האָט אַז דער ווינט נאָך וויטערט
דעם פעטערס אײַנגעריסענע קאַפּאָטע.

שווער אַראָפּגעלאָזט זיך אויף אַ בענקל,
אַרויסגעקרעכצט ר׳האָט מיט אַ קול אַ פרעמדן:
„אַרויס זײ זענען שיכּורע פון שענקען
און גענומען זיך צום שלאָגן און צום שענדן״...

און נאָך עפּעס ער האָט געזאָגט, דער פעטער:
„אויף פּאָגראָמען וואר האָט זיך געריכט דען?״

— — — — — — — — — — — — — — —

דערמאָנט כ׳האָב זיך די ווערטער שפּעטער,
ווען אַלץ אַרום איז שוין געווען פאַרניכטעט
און כ׳בין אַליין מיט קלומעק אויפן אַקסל
געלאָפן פונעם מבול און פון פײַער,
פונעם לאַנד ווו כ׳בין מיט ליד געוואַקסן
און געצאָלט פאַר דעם מיט בלוט מײַן שטײַער.

מײַן מאַמעס טרער

מײַן מאַמע װיגט מיך אײַן
אין סקריפּענדיקער װיג,
זי הערט נישט מײַן געװײן
און װײסט נישט אַז איך ליג
אַ טויטער אין דער װיג.

איך ליג שוין לאַנג אַזוי,
מײַן פּנים ברוין־און־בלוי,
און ס'װיגט זיך הין און צריק
די סקריפּענדיקע װיג.

מײַן מאַמע קוקט אויף מיר,
איר פּנים װײַס װי שניי,
אין אויגן טוי־געפּריר —
עס שפּיגלט זיך איר װיי.

און איך ליג אין דער װיג
אין קישן אײַנגעדרײט,
מײַן מאַמעס טרער מיך שטיקט
נאָך אַלץ װי אין דער צײַט

װען ער האָט זיך געפּעלט —
מײַן ברודערל. זײַן בליק
באַגלײט מיך אין דער װעלט
און עס סקריפּעט אַלץ די װיג.

ייִדישע אַקטיאָרן פון פוילן

געקומען פון אַ ייִדישלאַנד אָן ייִדן
מיט וואָרט פון גאָלדפאַדען און שלום-עליכם
אויף אויסגעבערענטע ליפּן
זענען זיי די שאָטנס פון אַ וועלט
וואָס איז געוואָרן „יענע וועלט"
און ווי שאָטנס זיי באַוועגן זיך
אויף דער צווישנערד-און-הימל-בינע
און זיי שוועבן און זיי לעבן
און דאָס פידעלע שפּילט צו

אין זאַל איז פינצטער שטיל
אַ פינצטערע שטילקייט
און פּלוצעם רײַסט די שטילקייט אויף אַ ליד
מאַמעלע
מײַן ייִדישע מאַמע
און עס טראָגט אַוועק מיך דאָס געזאַנג
צו יענעם ייִדישלאַנד אָן ייִדן
וווּ זיי זענען געגאַנגען
די ייִדישע מאַמעס
מיט פּיצלעך קינדער אויף די הענט
מיט זייער לעבן אויף די הענט
צום אומשלאַג-פּלאַץ
צום קאַלכאויוון
צום פײַערפלאַם וואָס האָט פאַרצוקט אַ פאָלק
און ווידער הער איך אַ געוויין
און ווידער הער איך אַ געקלאָג
און דאָס פידעלע שפּילט צו

און פון פֿײַערפֿלאַם אַרויס
רײַסן זיך די פֿלאַקער־ווערטער
„זאָג נישט קיין מאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג"
און זיי גייען זייער וועג
נישט דעם לעצטן וועג
די ייִדישע אַקטיאָרן פֿון פּוילן
און זיי שוועבן און זיי לעבן
אויף דער צווישנערד־און־הימל־בינע
און מיט זיי לעבט ווידער
טביה
און מנחם־מענדל
האָצמאַך מיט די טעכטער
און די גאָלדגרעבער
וואָס זוכן אַלץ דעם אוצר נאָך
און ס'לעבט דאָס ליד דאָס ייִדישע
און דאָס פֿידעלע שפּילט צו
און דאָס פֿידעלע שפּילט צו

פון די אַשן

די זעלבע שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן —
איך זע זיי ווידער ווי אַ מאָל, אַ מאָל,
די צײַט האָט זיי צו מיר איצט אָנגעבויגן
און זיי שײַנען ווי אין שפּיגל פון קרישטאָל.

נאָר בלויז די שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן —
מער קיין זאַך נישט, — קיין פּנים, קיין געשטאַלט,
מיט שאָטנס זענען זיי אַרומגעצויגן
און ווי דער שפּיגל — מיניענדיק און קאַלט.

קאַלט? אָט נעמען זיי גאָר ברענען מיט אַ פלאַם,
וואָס ברעכט און בראָקט און אַלץ אַרום פאַרצערט
און אַשן פאַלן, פאַלן אויף דער ערד
און פון די אַשן הייבט אַ פעניקס זיך אַרויס —
מײַן שטאַם.

אַ מאָל דיר ווײַזט זיך אויס

אַ מאָל דיר ווײַזט זיך אויס,
אַז ביזט שוין דאָ געווען.
די גאַס, דער בוים, דאָס הויז —
זיי האָבן דיך געזען
אַ באָרוועסן, אין שיך,
מיט האַסטיק ברייטן שפּאַן
אַוועק צו וועלט — פון זיך.
און אַנדערש מאָל דער מאַן
וואָס קומט אַהער צוריק
אין חלום יעדע נאַכט
מיט זײַנע שיך צעפּליקט
ווי נאָך אַ שווערער שלאַכט
זוכט די גאַס, דאָס הויז,
נאָר פון זיי — קיין שײַן.
דער בוים געבליבן בלויז,
וואָס שטייט ווי ער — אַליין.

ייִדישקלאַנג

מיט זײַנע דינע פינגער

אַ יעדן אינדערפרי איך שטיי אויף ווידער
און מיט ציטער כ׳זעץ צום שרײַבטיש זיך
ווו לייוויק קוקט
אויף מײַנע נישט־געשריבענע נאָך לידער
און איך — אויף אים.
איך ווייס נישט וואָס עס זאָגט
זײַן גוטער, שטרענגער בליק:
לייג אַוועק די פעדער,
אָדער —
נעם זי אין האַנט צוריק
און דעם ציטער פון דײַן האַרץ
אין ליד פאַרוואַנדל,
שפּיץ אָן דײַן אויער צו דעם פּלוס פון בלוט
און זינג דאָס ליד פון דעם פאַרוואונדיקט האַרץ,
דאָס ליד פון פאַלן
און פון אויפשטיין ווידער,
דאָס ליד פון ליבשאַפט
און פון פּײַן,
פון טרויער און פון פרייד,
דאָס ליד וואָס פון לאַנגאָן באַגלייט
האָט אונדזער זײַן,
זינג דאָס ליד — — —

הייב איך אויף צום צווייטן מאָל די אויגן
דאַכט זיך —
לייוויק האָט אַריבער מיר זיך אָנגעבויגן
און מײַן האַנט באַרירט
מיט זײַנע דינע, פינגער
גלײַך ער וואָלט פון איר
דעם ספק אָפּגענומען
און באַפוילן — זינגען!
און דעמאָלט פאַלט אַוועק פון מיר די שרעק
און כ׳ווייס —
כ׳וועל פרוּוון
ביז די לעצטע, לעצטע טעג.

ווי לאַנג אַ ייִדיש ליד נאָך קלינגט

פּרץ מאַרקיש

אין טרויער־צוג קומט אַלע מיט
צום קבר אומבאַוווסטן,
דאָרט עטעמט נאָך דאָס ייִדיש ליד
און רײַסט אַרויס פון ברוסט זיך,
אַזוי ווי ס׳האָט אַ לעבן לאַנג
פון פעדער זיך געריסן
און האָט מיט שטורעמדיקן קלאַנג
די פינצטערניש צעריסן,

איז וואָס, אַז ס׳איז דער וועג אײַך שווער,
אַז איר זענט שוין פאַרמאַטערט —
לייגט צו דאָס אויער צו דער ערד
ווי ס׳האָט זײַן פרײַנד געראַטן
און הערט — דאָרט ריזלען לידער.
ווי אַ שטראָם נישט צום פאַרהאַלטן
גייען ווידער זײַנע „ברידער״
קעגן וועלט דער אַלטער.

און ווידער גייט דער אַלטער שניצער
מיט תּפילה אויף די ליפּן —
גרייט פון קאָט דאָס בלוט צעשפּריצן,
דורכברעכן די ריפּן
און דעם טאָג אַנטקעגן טראָגן
לויטערקייט און ליבע
און מיט ליכט פון ערד פאַריאָגן
פּײַן און אומעט טריבן.

ערגעצווו נאָך איבער וועגן
מיט אויפגעפּאָכטע פּאָלעס
מאַנצעס גייט אַ חשבון פרעגן
בײַ יענעם וואָס מיט שטאָל איז
באַצירט געווען זײַן נאָמען —
אַ חשבון פאַר דערשטיקטע ווערטער
געוואָרפענע אין תּהומען
און אויך פון דאָרט — דערהערטע.

ווי אַ פרישער ווינט אין צווײַגן
רוישן זײַנע לידער
און זיי וועלן קיין מאָל שווײַגן,
ווענקנדיק די מידע.
הערט — עס זינגט נאָך אַלץ און זינגט
אונדזער דיכטער — קרבן,
ווי לאַנג אַ יידיש ליד נאָך קלינגט
איז מאַרקיש נישט געשטאָרבן.

דאָס לעצטע ליד

זיי וואָלטן שוין דעם גבורה־עלטער לאַנג דערגרייכט
און וויפל ווערק נאָך מער,
ווען נישט פאַרשווענקט וואָלט זיי דער רויטער טײַך...
מיר דאַכט זיך אַלץ, איך הער, איך הער
פון מאַרקישן, פון פעפערן דאָס לעצטע ליד,
וואָס פלעכט זיך דורך מיט ביקסן־זאַלפּ,
אַ פּעטליע איבער דעם זיך ענג פּאַרציט,
נאָר ס'רײַסט אַרויס זיך ווי אַ שוואַלב
און פליט, און פליט דורך שטחים און דורך צײַט
צו אייביקייט — — —
און ס'ווערט דאָס ליד באַגלייט
פון מלאכים — ווערטער בערגעלסאָנס, האָפשטיינס,
נסתּרס, קוויטקאָס אַלע די
וואָס געצאָלט האָבן מיט בלוט און פּײַן
פאַר גלויבן און פאַר מי
פאַר ליד
פון ייִד.

זיי וואָלטן שוין דעם גבורה־עלטער לאַנג דערגרייכט
ווען נישט דער גרויסער מאָרד...
נאָר זע, עס לײַכט
מיט גבורה זייער וואָרט
איבער גאָר דער לענג, דער טיף און ברייט
פון אונדז — פון פאָלק — פון אייביקייט!

געשריבן צום 35סטן יאָרצײַט נאָכן
מאָרד איבער די סאָוויעטיש־ייִדישע
שרײַבער. אויגוסט 1987.

פרצלאַנד

אָ, מיין נישט,
אַז איך וועל דיך פירן, בן־אדם,
דורך וועגן און שטעגן פון בלעטער פאַרגעלטע.
כ'וויל ציִען דעם איבערגעריסענעם פאָדעם —
די גאָלדענע קייט פון פאַרשניטענע וועלטן,
די קייט, וואָס געבליבן איז באַלד שוין אָן רינגען,
נאָר ריר זיך בלויז צו —
און זי וועט זיך צעקלינגען
מיט קולות פאַרשטיקטע, וואָס וועלן די רו
פון הימלען און ערדן צעשטערן.
איך וויל דיך אין פּרצלאַנד פירן,
אין לאַנד פונעם שטענדיקן ווערן,
וואָס ווייסט נישט פון שטילשטאַנד און פרידן.

קום, לאָמיר גיין אין פּרצלאַנד,
פון אַלטן מאַרק אַדורכן ראַנד
אַרויפשטײַגן אויב נ׳שט נאָך העכער
און ווי יחזקאלס טרײַער וועכטער
זיך צוהערן צום גלגול־ניגון,
מיט וועלכן טויטע מאַמעס וויגן
טויטע קינדער אין די וויגן,
אַרײַנקוקן אין קעלער־שטיבער,
ווו ס'איז געבליבן בלויז די ליבע
און נישטאָ מער די געליבטע,
און נישטאָ מער די באַטריבטע
מקובלים בײַ די ספרים,
נאָר בלויז קברים, קברים, קברים, קברים.

קום, לאָמיר גיין אין פּרצלאַנד
און זען ווי מאָניש שענקט אַ פּאַנט —
זײַן האַרץ צו לילית דער פאַרשײַטער,
און פון אים אַ ביסל ווײַטער
שטייט באַנציע מיט דער הייסער בולקע
און דער בטלן דער צעדולטער
שטרעקט צו איר די אָפּגעברענטע
הענט, און אַ שוועסטער אַ פאַרשעמטע
ווישט דאָס בלוט, וואָס פליסט אָן אויפהער,
ס׳זאָלן שׂונאים די באַזויפטע
פון איר שאַנד זיך נישט דערפרייען — — — —

אין פּרצלאַנד מיר וועלן גיין,
אין ערגעצלאַנד פון אייביק פרידן,
ווו געדאַרפט האָט זײַן צופרידן
סײַ דער ערדמאַן, סײַ דער בערגמאַן,
דער פישערמאַן און אַקערמאַן,
וואָס רעדן מיט איין שטראַלנשפּראַך,
ווו דער אמת האָט דערוואַכט —
אַ בענקשאַפט־פּײַן, אַ בענקשאַפט־ריין!
אין פּרצלאַנד מיר וועלן גיין.

מײַן פּרצלאַנד, מײַן פּרצלאַנד,
וואָס איז פון פײַער און פון בראַנד
צום לעבן אויפגעשטאַנען ווידער —
ווי אַ וואַנדערער אַ מידער,
וואָס בייגט זיך אָן צו פרישע קוואַלן
און טרינקט פון זיי אַרויס די שטראַלן
בײַנאַנד מיט וואַסערן די ריינע,

איך וועל פון העלן אָפּשײַן דײַנעם
נערן זיך מיט פרישע זאַפטן
און ווי אַ קינד כ׳וועל אַ פּאַרגאַפּטער
יעדעס מאָל אויף ס׳נײַ זיך שטעלן
נעבן דײַנע וווּנדער־שוועלן,
וואָס פירן צו די העכסטע הייכן,
ווּ געקאָנט האָט בלויז דערגרייכן
אומרו־גײַסט פון מאָרגן־טרוימער,
וואָס געבראָכן האָבן צוימען.

זע, בן־אדם, ס׳שטייען אָפן
אין פרצלאַנד נאָך טיר און טויער
פאַר די וואָס קאָנען גלייבן, האָפן,
צולייגן צו דר׳ערד אַן אויער
און יעדן שפּראָץ דאָרטן דערהערן —
קום אין לאַנד פון אייביק ווערן.

נישט דאָס בין איך אויסן...

דער זיידע זיצט פאַרקלערט אין תּלמוד־תּורה,
בלעטערט דורך איין ספר נאָך דעם צווייטן,
ס'איז טונקל שוין און אויף די פאַרמעט־זײַטן
לייגט אַ שאָטן זיך, ער האָט פאַרלוירן
דעם פאָדעם, זוכט אויף ס'נײַ צווישן די אותיות
דעם עיקר העיקרים. שוין געהאַלטן
בײַם געפינען, נאָר אַ מידיקייט באַפאַלט אים.
ער שטעלט זיך אויף — נישט דאָס איז ער דאָך אויסן.

ער שפּאַנט אַרום איבער דעם גרויסן חדר
און ס'ווילט זיך אים קיין ליכט נאָך נישט אָנצינדן,
ער ווייסט: ווען ס'וועט דעם טאָג די נאַכט פאַרבינדן
מיט איר בלויען שטערנטוך, וועט אַן עדה
ייִדן זיך אויף ס'נײַ צו אים באַווײַזן —
אַלטע גוטע פרײַנט און סתּם באַקאַנטע —
שלום אָפּגעבן און דריקן פעסט די האַנט אים
און ביז באַגינען שוין אַרום אים קרײַזן.

ער וועט זיך אויספרעגן בײַ יעדן איינעם,
וואָס מען הערט עפּעס אין די מקומות
טונעיאַדעווקע, קאַבצאַנסק, בײַ די פאַרשווינען
פון הקדש און בײַ גלופּסקער ייִדן פּנײַע,
בײַ די קאַראָבקע־לײַט און בעלי־טאַקסעס,
וואָס ווילן פון דער קליאַטשע נישט אַראָפּגיין
און הערן נישט איר קריצן מיט די ציין —
גלײַך זיי וואָלטן צו איר רוקן צוגעוואַקסן.

ווי אַ מאָל ווען ר'איז געפאָרן אונטערוועגנס
אין היצן און אין אַסיענדיקע קעלטן
מיט דעם בײַדל חכמות פון די וועלטן —
ספרים, תּחינות און אַנדערע פאַרמעגנס,
און האָט בײַם ראַנד פון וועלדל זיך פאַרהאַלטן
אויף אָפּרוען פון שאָקלעניש די ביינער,
אַן עטעם טאָן מיט פרישער לופט דער ריינער
און אויסהערן דעם בערדיקן ר' אַלטער —

ווי אַ מאָל אין יענע גוטע אַלטע צײַטן
ער וועט אַ שטילן שמועס איצט פאַרפירן
מיט די ייִדן, וואָס אין צימער דאָ שפּאַצירן —
געקומענע פון נאָענט און פון ווײַטן:
מיט פישקען, שמערלען, יאַנטלען — דער כאַליאַסטרע,
וואָס האָט מיט טאָרבעס איבער לאַנד געבלאָנקעט,
און מיט ישׂראליקן, וואָס אויף דער לאָנקע
געוועזן איז אַן אָנגעלייגטער גאַסט ער,

דאָרט מיט דער בידנער קליאַטשע אײַנגעטענהט,
ווי להבדיל מיט אַ מענטש זײַנס גלײַכן,
און מיט בנימינען, וואָס האָט אַזש גרייכן
געוואָלט אויף יענער זײַט סמבטיון, צו זײַנע
ברידער — רויטע ייִדעלעך און מיטגענומען
סענדערלען — דעם נײַעם סאַנטשאָ פּאַנשאַ,
און אַט די גאַנצע טרוימערישע מאַנשאַפט
איז לסוף... צו פּיאַטיגנילעווקע געקומען.

ער וועט זיך אויך באַמיִען נישט פאַרמײַדן
זעלדען, כאַנציען און ביילען די האָרבאַטע
צו וועמען פישקעס הערצל האָט געפּלאַטערט —
מיט אַלעמען, מיט אַלע וועט ער ריידן,
זיי זענען דאָך אים אַזוי ליב און טײַער.
וויפל טעג און נעכט פאַרבראַכט אין איינעם,
וויפל אויסגעשטאַנען לײַדן, פּײַנען
און דורכגעגאַן דורך וואַסער און דורך פײַער.

דער זיידע הערט נישט אויף די טריט צו מעסטן
אין דערוואַרטונג אויף די געסט די ליבע,
נאָר ס׳איז די צײַט, דאַכט זיך, שוין לאַנג אַריבער
און קיינער קומט נישט. ווײַזט אויס פאַרגעסן
דעם אַדרעס פון דער אָדעסער תּלמוד־תּורה.
איז מילא, וועט ער אָנצינדן אַ ליכטל
און ווידער נעמען זיך צו דער געשיכטע —
די קלוגע ספרים פון די אַלטע דורות.

ער זעצט זיך אומרויִק בײַם טיש אַנידער,
פּרוּווט אויפמישן אַ ספר, נאָר די אויגן
הייבן זיך אָן קלעפּן. ניין, זיי טויגן
שוין נישט מער. ער ווערט אַלץ מידער, מידער,
ווי ס׳וואָלט געדריקט אויף אים אַ לאַסט אַ גרויסע,
ווישט ער אויס די ברילן, גיט אַ שמייכל:
— וואָס איז פונעם זיצן דאָ דער שׂכל,
אַז סך־הכל בין איך גאָר דאָס נישט אויסן...

מײַן שרײַבטיש

מײַן שרײַבטיש
וואָס כ׳האָב אָפּגעקויפט אַ מאָל
פֿאַר אַ גאָרנישט־מיט־אַ־נישט
פֿון אַ ייִדישן פּאָעט
געדענקט אַוודאי נאָך די לידער
וואָס יענער אויסגעזונגען האָט
מיט אַ שטילן קול
ציילנדיק די טראָפּן.

דער דיכטער איז שוין לאַנג נישטאָ
קיין בוך נאָך זיך ט׳ער נישט געלאָזן
נאָר בלויז דעם טיש
ווו ס׳שאָטנט זיך נאָך אַלץ
זײַן אומעטיקע וועלט
פֿון הימל, ערד און ליד.

און אפֿשר בין איך אויך
ווי אָט דער טיש
אַ שאָטן בלויז
וואָס האָט זיך אויפֿגעהיט
פֿאַר אַן אומעטיקער וועלט
אָן לידער?

ייִדישקלאַנג

אָ, ניין, אָ, ניין,
ייִדישקלאַנג
איז נישט פאַרגאַנג.
עס איז געלעבטער און געוויין,
עס איז געזאַנג
פון דורות לאַנג,
פון דורות גאַנג
דורך פרייד און פּײַן,
דורך פינצטערניש
צו שײַן —
און ווײַטערגאַנג,
און ווײַטערגאַנג.

ייִדישקלאַנג
נישט ציטערט, צאַנקט,
ווי אַ פלעמל אינעם ווינט,
וואָס פאַרשווינדט
אין לעצטע אַש.
פון די אַש עס גייט אויף
און צעפלאַמט זיך
און צעשטורעמט,
און פון שפּליטערן
זיך איבערפורעמט
אין נײַ געזאַנג
צום ווײַטערגאַנג!

אַ ביסעלע

אַ ביסעלע — האָט זי געזאָגט מיט חן,
— מײַן באָבע האָט גערעדט רק ייִדיש
און מײַן מאַמע אויך,
אַ ביסעלע...

נו, איז עס דען אַ חידוש,
אַז איר ייִדיש
מיט דעם ווייכן „למד"
האָט געגלעט מײַן אויער
ווי אַ צאַרטער סאַמעט
און אפשר מער
אַ ביסעלע...

אַבי אַ ביסעלע
און פון דעם ביסעלע
קאָן ווערן נאָך
אַ פול שיסעלע,
ווי ס'האָט געזאָגט די באָבע,
וואָס גערעדט רק ייִדיש האָט אַ מאָל.

איז גוט אַזוי צו הערן
אין דעם „ביסעלע"
פון דער יונגער פרוי
דער אַלטער באָבעס קול
און דער מאַמעס קול
און קוויקן זיך
אַ ביסעלע...

ווי מײַן ליד

איך בין געגאַנגען אין אַן אַלטן וואַלד
מיט אויסגעהאַקטע ביימער —
שטאַמען בלויז
אָן קרוינען.
און פּלוצעם כ׳האָב דערפילט זיך אַזוי אַלט,
עלטער נאָך פון וואַלד
און קיינער, קיינער
אַרום מיר.
נאָר נישט געווען בין איך
אַליין דאָ.
מיט מיר,
אין מיר
געווען איז אַ געזאַנג,
אַ ווונדערלעך געזאַנג,
וואָס האָט זינט יאָרן לאַנג
גערוישט אין ווינט צווישן די בלעטער
און רוישט נאָך אַלץ
און וועט נאָך רוישן יאָרן שפּעטער,
ווי מײַן ייִדיש ליד,
וואָס רוישט אין די אַרומען
און וויל נישט
וויל נישט
שטומען.

איך גיי צו

איך גיי צו ליד
ווי מײַן מאַמע איז געגאַן
צום ערשטן האָבן,
ווי אַ גוטער ייִד
וואָס האָט פֿון פֿינצטער זיך אַרויסגעגראָבן
און צום אויבערשטן געווענדט
זײַן האַרץ און אויגן.

ווי אַ פּויער
וואָס אין דרײַען טיף געבויגן
רײַסט מיט הוילע הענט
דעם אומקרויט פֿון זײַן גאָרטן
איך רײַס די פֿאַלשע ווערטער, קלאַנגען,
ווי כ'וואָלט אַ מאָרד באַגאַנגען
איבער זיך אַליין...

איך גיי צו ליד
אין לײַדן און אין פּײַן.

*

אַ שורה פון אַ ליד,
אַ לאַנג פאַרגעסן ליד
האָט היינט פאַרפרי
געטאָן אַ ברי
אין מיין זיכּרון —
דאָס ליד, וואָס איז נאָך נישט געבאָרן...

און ס'טוט ווי דאָס ליד,
וואָס האָט נישט אויפגעבליט,
און יעדעס וואָרט טוט ווי
וואָס איז פאַרביי
און נישט געוואָרן.

גיי איך מיט דעם אום
אַ טאָג אַ גאַנצן שטום
גלייך ס'וואָלט אַן אומרו
ערגעצווו
געטריבן —
צום ליד,
צום וואָרט,
וואָס כ'האָב נישט אָנגעשריבן.

ווער וועט ?

צום אָנדענק
פון דוד ספאַרד

זיי גייען אַוועק
די זינגער־באַזינגער,
די מײַסטער פון ייִדישן וואָרט
און ליידיק און פוסט ווערט אַרום —
זייער אָרט
נישט פאַרנעמען וועט קיינער.
איז ווערזשע וועט פאָרט
באַהויכן מיט אָטעם
די אותיות־ביינער,
זיי אויפלעבן ווידער
אין לידער,
וואָס וואַרטן אויף זייער
פּאָעט ?
ווער וועט,
אָ, ווער וועט ? — — —

צום דיכטער

דײַן וואָרט פֿון ווײ און ווינד
פֿאַרבינדט
דעם טאָל און באַרג
און גרייכט
אין אַלע ווײַטן
פֿון ערשטיקן פֿאַרצײַטן
ביז אַצינד.
זײַן ווידערקלאַנג
זיך הערט
אַריבער גאָר דער ערד
אַזש ביז דעם בלאָ
וווּ ער ווערט פֿאַרשווונדן.
און דיר וואָס בלײַבט ?
בלויז וווּנדן,
וווּנדן — — —

דער טאָן פון לעבן

די בלויקייט פון פרימאָרגן
הענגט אַלץ אינעם בלוי
פון יענע אויגן
וואָס איך זוך אַרום
אין חלומדיקער וואָר
און אין וואָר פון חלום

ווו איז זי יענע בלויקייט
און די אויגן ווו

אַזוי פיל בלוי כ׳האָב שוין געזען
דעם העלן הימל־בלוי
דעם טונקל־גרינעם בלוי פון ים
אַ טיפן און
אַ מילדן בלוי
אַ האַלבן
און אַ פערטל־בלוי
נאָר מיר פעלט שטענדיק
נאָך איין טאָן
צו יענעם בלוי
דער טאָן פון לעבן

איך דאַרף אַ וואָרט

צוריקגעקערט פון ווײַטן ערגעץ
און געטראָפן
נאָנטע פרעמד:
אויפן שרײַבטיש
פרעמדע סטראָפן
וואָס געלאָזן כ׳האָב פאַרשעמט,
אין דער זײַט
אַ הונדערט זײַטן
פון אַ נישט־דערלייענט בוך
און אַ בילדל פון פאַרצײַטן —
בלומען אויף אַ גרינעם טוך.
גרויער שטויב
אויף מאַטע שויבן,
עפּל צוויי,
אַ הענגל טרויבן
אויף אַ טעלער
אין דער קיך —
דאַכט זיך
היימישער נאַטור־מאָרט
נאָר דאָס אַלץ
איז קאַלט ווי שטיין,
איך דאַרף אַ וואָרט,
איין וואָרט נאָר בלויז
פאַר מיר אַליין.

*

איך וואָלט וועלן איצט אַ שפּאַס טאָן,
פרייִלעכער זאָל זײַן!
זיך באַפרײַען פון די לאַסטן
און צוריק אַרײַן
אינעם ריטעם פון דעם ליד,
וואָס מאַכט האַסטיקער די טריט
און פון האַרצן דעם טיק־טאַק.
נאָר דאָס ליד איז ווי פאַרפלויגן,
אָדער וויינט זיך אויס די אויגן
אַלץ נאָך אין באַראַק.
פוסט איז דאָרטן,
בלויז די שאָטנס
הערן אײַן זיך
אין געוויין,
וואָס בלײַבט הענגען אויף די דראָטן
און ציטערט
אין דער נאַכט.

אין יעדן טראָפּן

אין יעדן טראָפּן

גע‌הערט ערגעץ דעם קלאַנג
און קאָן זיך נישט דערמאַנען
פון ווו און וואַנען —
צי ס'איז געווען געזאַנג
צי בלויז אַ שטילער ברומען,
אַ שטומער ניגון,
וואָס וויל נישט שטומען — — —

ער גייט מיר נאָך, דער קלאַנג,
דאַכט זיך, פון וויגל,
און אפשר גאָר פון יענעם לאַנג,
וואָס קאָנסט בלויז אַנען
און דאָך איז ער פאַראַנען
אין יעדן טראָפּן
פון דײַן בלוט.

✶

ניט געטראָפן זיך זינט יאָרן —
אַנדערע געווען די וועגן.
זיבן וועלטן אויסגעפאָרן
און אויף ס׳נײַ זיך איצט באַגעגנט.

זיבן וועלטן און אַן אַכטע —
אויף אַ ווײַל בלויז אָפּגעשטעלט זיך
און געבליבן אויסגעלאַכטע,
ווײַל דאָ ענדיקט שוין די וועלט זיך.

און ס׳ענדיקט אויך זיך דער זיכּרון,
טיפער קאָן ער מער ניט גרייכן.
זיבן וועלטן אויסגעפאָרן,
צווישן אונדז — אַ פראַגע־צייכן...

אַ בריוו

דער בריוו ליגט אַלץ נישט אָנגעשריבן.
ס׳פּאַפּיר פֿאַרגעלט און אָפּגעריבן
פֿאַרבענקט איז נאָך אַן ערשטן אות
און קוקט מיט פֿאָרוווּרף און פֿאַרדראָס
אויף מיר אַ יעדע רגע, יעדע שעה,
ווען כ׳בין פֿאַראַנען און נישטאָ
און ווייסט נישט, אַז כ׳טראָג אים אַרום
מיט זיך אין יעדן אומעטום
און כ׳וואָלט פֿון לאַנג שוין, זייער לאַנג
צעשטעלט די אותיות — זאַנג ביי זאַנג,
און נישט קיין בריוו נאָר אַ געזאַנג
עס וואָלט געווען — — —
ווען —
איך וואָלט געוווּסט דעם גרויסן סוד
פֿון גרייכן מיטן וואָרט
צו יענע אַשן,
וואָס ס׳האָט אַ בלוט־רעגן פֿון לאַנג
פֿאַרוואַשן
און זיי שווען איצט אין הייכן,
ווו קיין שום וואָרט קאָן נישט דערגרייכן,
אַוודאי נישט — קיין בריוו...

איך רעד צו דיר

ווי מײַן פרומער זיידע
וואָס פלעגט רעדן
צו גאָט
אַ יעדן אין דער פרי
און יעדן אויף דער נאַכט
איך רעד צו דיר
נאָר קיין ענטפער
איז נישטאָ
אַ טיפער שווײַגן

פאַרוואָס ביסטו אַוועק
און בלויז אין דער מחשבה
כ׳קאָן דיך גרייכן
קיין ענטפער איז נישטאָ
אַפילו נישט
אויף דער וואַנט
קיין צייכן

אין נעפּל פון צײַט

✶

איך בענק נאָר אַלץ
צו יענעם זינג־געזאַנג
צום ווײַטן עכאָ־קלאַנג
וואָס האָט כוואַליִעווײַז
אויף מיר זיך אָנגעטראָגן
און געהיילט
די נישט־פֿאַרהיילטע ווונדן

איצט
ווען ס׳שליסט זיך שוין
באַלד אָפּ דער קרײַז
און אין נעפּל פון דער צײַט
איך וועל פֿאַרשווינדן
קומט ווידער היילן
יענער קלאַנג
און כ׳גיב זיך איבער אים
זאָל ער באַגלייטן מיך
ביז לעצטן זון־פֿאַרגאַנג

✶

געמיינט איך וועל דיך גרייכן
אין געדאַנק
אַזאַ ווי ביסט פֿאַרצייכנט
אין מײַן בלוט
נאָר דו ביסט ווי אַ זאַנג

וואָס ענדערט זיך
מיט יעדן קערנדל
פֿאַרטראָגענעם פֿון ווינט

יאָג איך זיך נאָך זיי
די קערנדלעך
שוין יאָרן לאַנג
און ווי אַ קינד
כ׳בלייַב שטענדיק שטייַן
מיט אויגן ברייט צעעפֿנטע
אַנטקעגן מיניענדיקער
שייַן

✶

אומגעריכט
האָסט זיך אַנטפּלעקט צו מיר
אין מיטן פֿון דער נאַכט
מיט אַ ליכט
וואָס האָט אַרייַנגעלאַכט
אין אַלע ווינקלען
פֿון מייַן הויז
געווען מיר זענען זאַלבעצווייט
און בלויז
אין טונקלער ווייַט
איז אויסגערונען און פֿאַרגאַן
אַן אומבאַקאַנט־באַקאַנטער
שאָטן

*

אָט ביסטו געווען
אויף יענער זײַט שויב
ווי די זון
אין פֿרימאָרגן
און אָט ווי אַ שטראַל
זיך אין וואָלקן פֿאַרבאָרגן
און דער פּעכער
מײַן האַרץ
זוכט אַלץ דיך אַרום
אין זיך אײַנצוזאַפּן

*

קום נאָענטער
נאָענטער
קום אַזוי נאָנט
כ׳זאָל קאָנען דערפֿילן
אין דיר
מײַן אייגענעם צאַפּל
כ׳זאָל קאָנען פֿאַרהיטן
דײַן בליק
אין מײַן שוואַרצאַפּל
און ווען דו וועסט
קערן צוריק
און פֿאַרשווינדן
אין נעפּל פֿון צײַט
זאָל בלײַבן דײַן שײַן
מיט מיר בלויז
מיט מיר בלויז
אַליין

ליד און לעבן

טײַערסטע
איך בין הײַנט קראַנק
אויף ליד
אַ שורה טוט מיר ווײ
און ס׳ציט
דער הונגער
צו אַ וואָרט
וואָס איז פון לאַנג
געהאָנגען אויף אַ צווײַג
פונעם זיכּרון
און זיך אָפּגעריסן
איז געגאַן פאַרלאָרן
אינעם טיפן תּהום
פונעם פאַרגעס
אפשר ווייסטו טײַערסטע
פון יענעם וואָרט
דעם ריכטיקן אַדרעס
אַנדערש וועל איך אויסגיין
שטאַרבן
מיט נישט פאַרענדיקט ליד
און לעבן

טײַערסטע
איך בין הײַנט קראַנק
איך בין הײַנט קראַנק אַזוי
אויף ליד

דער ערשטער ענטפער

דער לעצטער בריוו
אַהין
פון וואַנען
קיינער קומט נישט אויף צוריק
איך דאַרף אַ וואָרט נאָך זאָגן
וואָס כ׳האָב זאָגן נישט געקאָנט
אַפילו מיטן בליק
אַ וואָרט
וואָס איז געהאָנגען
צווישן אונדז
יאָרנלאַנג
נאָך ערב ווערן
ערב נאָך געדאַנק
אפשר קומען וועט
אַן ענטפער
דער ערשטער ענטפער
אויף אַ לעצטן בריוו

אויף ס׳נײַ

איך ווייס, דו וועסט קומען צוריק,
נאָר ווי וועט זײַן,
אַז די בריק
וועט צווישן אונדז
צעבראָכן שטיין
און נישט איך
נישט דו
נישט קיינער
וועט זײַן אין שטאַנד
דעם טײַך אַריבערשפּרײַזן ?

בין איך גרייט
מיט בלינדער האַנט
די גאַנצע ערד
אַרומצוקרײַזן,
קרײַזן,
קרײַזן,
ביז דערפילן כ׳וועל אויף ס׳נײַ
דײַן הייסן אָטעם
אינעם קאַלטן טײַך...

ווען בלומען שטאַרבן

די בלומען אין וואַזאָן וואָס אויפן טיש
האַלטן שוין אין וועלקן,
גלײַך ס'וואָלט עמעץ אָפּגעווישט
די פאַרבן פון די נעלקן.
און נעבכטן ערשט האָסט זיי מיט צאַרטקייט
פון מײַן האַנט גענומען,
צוגעטוליעט זיי צום האַרצן
גלײַך וואָלסט מיך אַרומגענומען.
איצט שטייען זיי פאַרטרויערטע אַזוי
די בלומען און זיי ווערן
אײַנגעשרומפּן. אויף די בלעטעלעך דער טוי
טריקנט אויס ווי טרערן.

איך ווייס, אויך בלומען מוזן אויסגיין,
שטאַרבן.
נאָר מיר טוט אַזוי וויי
פאַר די וועלקנדיקע פאַרבן
און פאַר דײַן בליק,
וואָס הענגט מיט אומעט
אויף די בלומען.

ערב לייַדן

אַ שטילקייט אַזאַ
אַ גרויע שטילקייט
הענגט איבער מיר
און אין מיר
אַ מילדקייט אַזאַ
אַ בלויע מילדקייט
הענגט איבער מיר
און אין מיר
אַזוי איז אַוודאי געווען
ערב באַריר
און צעשיידונג
אַזוי איז אַוודאי געווען
ערב לייַדן

מײַן בלויער פויגל

מײַן בלויער פויגל איז פֿאַרפֿלויגן
און געלאָזן מיך אַליין,
ערגעץ פֿאָכען נאָך די פֿליגל
אין דער זילבער־בלויער שײַן
און פֿון גרינעם וואַסער־שפּיגל
קוקן אויף מיר טרויער־אויגן
אויסגעטרערט און אויסגעוויינט.

מײַנע אויגן, זײַנע אויגן?
ווּ איז ער, דער בלויער פויגל,
וואַהין איז ער פֿאַרפֿלויגן?
איז אויך דאָרטן פּוסט אַזוי?

מײַן בלויער פויגל איז פֿאַרפֿלויגן —
מיך געלאָזן מיטן בלוי...

מײַן דור

מײַן דור, אַ נישט־דערבערענטער אינעם פֿײַער,
גייט שוין אויך אַוועק...
און גרויער ווערן טעג
און איינזאַמער די נעכט.
אַלץ וואָס איז געווען אונדז טײַער
ליגט פֿאַרשאָטן און צעטראָטן
און פֿאַרשוועכט.
וואָס זשע לאָזן מיר דאָ איבער
חוץ די שאָטנס
צווישן גריבער
איבער אומבאַקאַנטע וועגן ?
אפשר בײַ די ווינטן פֿרעגן,
בײַ דעם הימל, בײַ די שטערן ?

און אויב קומען וועט אַן ענטפֿער,
ווער וועט אים דערהערן ?
אָט שפּאַנען מיר דאָך שוין אַריבער
לעצטן טראָט
און לאָזן אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט, ליבע,
אויף קיינעמענס באַראָט.

וועקליד

מײַן אייניקל געווידמעט

עפן די אייגעלער, דינה,
געננוג שוין געוועזן פאַרשטעלט —
כ׳וועל אפשר אין זײַ אָפּגעפינען
מײַן ווידערגעבוירענע וועלט.

מײַן הימל אויף ס׳נײַ ווערן בלויער
וועט אין דײַן בלאָנדזשענדן בליק
און ער וועט פאַרטרײַבן מײַן טרויער,
צעצינדן אַ פלעמל פון גליק.

עפן די אייגעלער, דינה,
מיט זיי זיך צעעפנט די וועלט,
מײַן זון כ׳וועל אין זיי אָפּגעפינען,
מײַן שטערן, וואָס ערגעץ נאָך העלט.

ליכטיק

מײַן אייניקל, דינהלע, ליכטיקט אויף מיר
און כ׳קאָן נישט באַשיידן מיט וואָסער קאָליר.

איך ווייס עס איז בלאָ, נאָר ס׳איז העלער ווי בלאָ,
און אפשר איז גאָר אַזאַ פאַרב נאָך נישטאָ...

זי האַלט ערשט אין ווערן אין אויגן די צוויי,
און איך ווער נישט מיד גאָר פון קוקן אין זיי.

מײַן אייניקל, דינהלע, רעדט צו מיר רייד,
וואָס זי בלויז אַליין אין דער וועלט זיי פאַרשטייט.

נאָר טייל מאָל מיר דאַכט, ס׳איז באַקאַנט מיר דער קלאַנג —
אַ ליד, וואָס געהערט כ׳האָב פון לאַנג שוין, פון לאַנג,

ווען כ׳בין נאָך אַליין אפשר דאָ נישט געווען,
נאָר דינהלעס ליכט כ׳האָב שוין דעמאָלט געזען.

איך פיר דיך פאַר דער האַנט

איך פיר דיך פאַר דער האַנט, מײַן קינד,
אויף האַרטן באָדן,
און ווי אַ זעגל אינעם ווינט
מיט פרייד כ׳בין אָנגעלאָדן.

זי קומט, די פרייד, צוריק,
נאָך לאַנגע, שווערע יאָרן —
אַ שמייכל בלויז, אַ בליק,
און כ׳ווער אויף ס׳נײַ געבאָרן.

מיר דאַכט זיך, אַז איך גיי
אויף ס׳נײַ דעם ליכט אַנטקעגן,
פאַרשווונדן ווערט דער וויי
מיט דײַנע טריט אויף וועגן.

און כ׳ווייס שוין נישט אַליין
ווער וועמען פירט, מײַן קינד,
נאָר סײַ־ווי בלײַבן שטיין
געוועזן וואָלט איצט אַ זינד.

ווערטער צוויי

מײַן אייניקל די גאָלדענע,
דינהלע, האָט הײַנט
מיט ווערטער צוויי מיט יִדישע
פאַרבונדן מיר אַ וווּנד —

זײַ געזונט...

נישט אויף זיך געזעגענען
נאָר אָט סתם אַזוי
ווערטער צוויי דערלאַנגט זי מיר
ווי אַ בלומען בונט —

זײַ געזונט...

און כ׳נעם אַרום און צערטל זײַ
די גוטע ווערטער צוויי,
זײַ געזונט מײַן אייניקל,
זײַ געזונט מײַן קליינינקע,
מײַן האָפנונג גיב אַ גרונט —

זײַ געזונט!

פאַר דייַן רו

געקומען מיט אַ בלויען בליץ
און אַ געבעט
ווי אויסגעקריצט
אין בלויען ליכט —
באַהיט, באַשיץ — — —
און אַ געפּאַך
פון הענטלעך צוויי
וואָס זוכן ערגעצווו
אַ דו.

און איך,
איך שטרעק צו דיר
מייַן שיצנדיקע האַנט,
וואָס איז אַרויס פון פייַער־בראַנד
און גרייט איז ברענען
נאָך אַ מאָל
פאַר דייַן רו,
מייַן קינד.

איך קוק אויף אײַך בײדן

איך קוק אויף אײַך בײדן —
דינה און יהודית
און גלײַב נישט אַלײַן —
בין איך אײַער זײדע
און אין אײַך בײדן
כ׳וועל נישט פֿאַרגײן?

אָ, אײניקלעך מײַנע,
מיט הימל אין אויגן
און ליכטיקע טריט —
צי וועט איר דערהערן,
צי וועט פֿאַר אײַך טויגן,
מײַן אומעטיק ליד?

ווערטל און וואָרט

האָפענונג

די טיר איז אַלץ נאָך אָפן
און אָפן איז מײַן האָפן —
„האָפענונג איז די מוטער פון נאַראָנים" ?
זאָל זײַן !
נאָר כ'קאָן נישט לעבן אָן איר.
זי קומט צו גיין
צוזאַמען מיטן דעמער
און איר שײַן
פאַרנעסטיקט זיך אין אַלע ווינקלען
פון מײַן הויז.
איך וואַרט אויף איר
טאָג אײַן, טאָג אויס
און ווער נישט מיד פון וואַרטן.
בלויז צײַטנווײַז
באַגין
איך וועק זיך אויף
אַן אָפגענאַרטער.

צעקריגט

גערעדט האָב איך
מיט זיך אַליין
ווי מיט אַן אַנדערן
און נישט געקאָנט האָט ער
פאַרשטיין
דער אַנדערער
נישט די ווערטער
נישט דעם מיין
און דאָך האָט ער געזאָגט
אָמן
דער אַנדערער
און איך האָב זיך צעקריגט
מיט אים
אויף אייביק זיך צעקריגט
מיט
זיך
אליין

דער „געשאַנק"

— אַ פּאַטש פאַרגייט,
אַ וואָרט באַשטייט —
האָט ער געזאָגט
צום אויסגעפּאַטשטן.
און יענער,
נישט פאַרלירנדיק קיין צײַט
האָט אים צוריק דערלאַנגט
אַן אמתן „געשאַנק"
אָן אַ וואָרט אַרויסצורײדן.

איז געבליבן צווישן ביידן
אַ נישט געלעזטער שטרײַט —
איז עס אמת
אַז אַ פּאַטש פאַרגייט ?

אַ פּוסטע כּלי

אַ דאָקטאָר האָט דאָס האַרץ געעפֿנט
פֿון אַ קאַרגן פּאַציענט
און דערזען —
דאָס האַרץ איז פּוסט,
ווי יענעמס הענט.
האָט ער זיך געוווּנדערט,
האָט ער נישט געוווּסט,
ווי קאָן עס קלאַפּן גאָר
אַ האַרץ
אין ברוסט,
אויב עס איז פּוסט?
— נו, טאַקע,
זאָג —
האָט ער גערעדט צו זיך אַליין —
אָט אַ האַרץ,
ס'איז פּוסט, און דאָך,
נאַכט און טאָג טיקטאַקעט
און בלײַבט נישט שטיין
קיין ווײַלע.
געמיינט אַ האַרץ,
און ס'איז אַ פּוסטע כּלי...

איינער

איינער האָט פּאַרקאָכט אַ קאַשע
און די הענט זיך אָפּגעוואַשן —
נישט אים מיינט מען,
נישט דאָס האָט ער,
און ער הערט אײַך ווי דעם קאָטער.

אַ שטיין געוואָרפן אינעם וואַסער,
בלײַבט ער אויפן דנאָ אַ נאַסער
און אים קאָנען צען חכמים
נישט פון דאָרט אַרויסבאַקומען.

ווער זשע איז ער, אָט דער איינער,
וואָס אים אַרט נישט קיינער, קיינער?
האָט איר דאָך געהערט מסתּמא,
ס׳האָט דאָס פאָלק פאַר אים אַ נאָמען —
נישט קיין גרויסער חכם,
נישט קיין נאַר אַ קליינער.

וואָס וועט זײַן?

נו, איז וואָס וועט זײַן?
אַ לאָך אין הימל,
אויפֿן הימל אַ יאַריד?
סײַ־ווי די זון וועט אויפֿגיין
און פֿאַרגיין
ווי נעכטן,
פֿאַראַיאָרן,
אַלע מאָל,
און ס'וועט די ערד נישט ווערן מיד
צו קרײַזן,
אייביק קרײַזן,
יאָגנדיק זיך נאָך דעם קול
וואָס איז געשטאַנען
בײַם בראשית.

און אַז זי וועט אים קיין מאָל
נישט געפֿינען?
וועט אויך נישט זײַן
קיין לאָך אין הימל...

טאָג און נאַכט

צי האָסטו זיך אַ מאָל פאַרטראַכט —
געזאָגט האָט צו דעם טאָג די נאַכט —
ווי נידעריק דו ביסט געפאַלן ?

די זון אַפילו אירע שטראַלן
קערט אָפּ פון דיר, און אויס, אַן עק,
נישטאָ פאַר דיר קיין אַנדער וועג,
ווי טיף אין פינצטערניש צו זינקען,
אין בעסטן פאַל — אין טײַך זיך טרינקען.

— וואַרט נאָר, וואַרט — געענטפערט האָט דערויף
דער העלער טאָג, און ווי אַ שרויף
די שוואַרצע נאַכט געגומען בויערן. —
דו מיינסט אַוודאי כ׳בין פאַרלוירן ?

צו פרי, צו פרי דײַן בייזע פרייד !
אָט גיי איך ווידער אויף אַ העלער,
און דו — אַ הונט אויף פרעמדער קייט —
וועסט ווידער בילן אויף די שוועלן.

נאָך טאָגן

נישט „עלטער און קעלטער״ מיר ווערן
נאָר יינגער.
מיט יעדן טאָג יינגער.
און מעגן די אַשהאָר זיך מערן
און ציטערן פינגער —
מיר ווערן אַלץ יינגער.
און לייַכטער דער וועג אויף צוריק איז —
פאַרגאַנגען
שוין אַלע געראַנגלען,
געוווּסט שוין וואָס גליק איז,
וואָס פּייַן און וואָס ווייַ...
איצט זענען מיר פרייַ
און מיר ווערן אַלץ יינגער.
און גרינגער
איז טראָגן
די שווערקייט
פון אַ נאָך טאָגן.

קלייניקייטן

קלייניקייטן, ווייניקייטן ווערן גרויס.
אַ קינד וואָס איז אַרויס
פון מוטערס שויס —
אַ גאָרנישטל, אַ פּיצלס,
מיט אַ מאָל וואַקסט אויס
און באַלד
עס ווערט אַן **עמעץ** —
אַ געשטאַלט,
ווי דו,
ווי איך,
ווי ער,
מיט אַלע חכמות פון דער וועלט
אין טאַש,
מיט אַלץ פון אייגענעם געצעלט
אין אַש —
קלייניקייטן, ווייניקייטן ווערן גרויס — — —

און גרויסקייטן?
עס טרעפט זיך אויך פאַרקערט
און גרויסיקייטן ווערן קליין —
דער הימל פאַלט צו ערד
אָן זון פאַרגיין,
און פּיצל ווערט די וועלט,

און גאָרנישט העלט,
און ווײַטן ווערן נאָנט
און נאָנטן ווערן ווײַט
און צײַט איז מער קיין צײַט
ווען גרויסיקייטן ווערן קליין.

איז לאָז מיך זײַן
נישט גרויס, נישט קליין.
בלויז איך,
בלויז איך אַליין.

דער באַרג און די מויז

דער באַרג
האָט געבוירן אַ מויז
און די מויז
איז אַרויס
פון אונטערן באַרג
מיט אַ געשריי
און געוואַלד —
איך בין דער באַרג,
איך בין גרויס,
איך בין שטאַרק!
און דער באַרג האָט געלאַכט:
קוים וואָס עס פּישטשעט
און דרייט מיטן עק
און מיינט
עס וואַרפט אָן אַ שרעק...
געזען כ׳האָב נישט איין מאָל
שוין עפּעס בעסערס
און גרעסערס
וואָס האָט מיט רעש
און מיט טומל
געריסן זיך צום אויבנאָן,
און געהאַט האָט אַפילו
צום רומל
אַ פּען און אַ פּאָן,
געהאַלטן זיך שטענדיק
נאָר „משה גרויס"
און דאָך —
איז געבליבן אַ מויז.

ווערטל און וואָרט

אָט אַ שפּיל געטאָן זיך
מיט אַ ווערטל, מיט אַ וואָרט,
און נישט לײַכטער איז געוואָרן,
און נישט שווערער.
עס איז אַ שפּיל פון יענעם סאָרט
וואָס צעעפֿנט דעם זיכּרון
און ווידער קאָנסטו הערן
דעם מינדסטן שאָרך,
וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן
ערגעץ ווו אין דײַן געמיט
און וועסט אים טראָגן
אַדורך יאָרן
ביז פֿאַרוואַנדלען אים
אין ליד.

אינהאַלט:

קאַנטורן

פון וואַנען 7
נאַכט 8
סוף זומער 9
קאַנטורן 10
מײַן פלוימענבוים 11
אויף יענער זײַט 12
שטערן 13
ווי אַזוי? 15
באַהיט מיך 16
אַליין 17
ווער ווייסט? 18
ווי לאַנג? 19
דער גרינער טײַך 20
ווידער פאַלן בלעטער 21
די וויינענדיקע ווערבע 22
צעשטערטע אידיליע 23
✶ 24

שאָטנס

אין וואַלד 27
ווי וועט זײַן? 29
ווידערקול 30
מאָרזע־צייכנס 31
אין דער שיינער האָנאָלולו 32
געווען אַ מאָל 33
...און ס'וויגט מיך
אײַן די נאַכט 35
איצט קום איך אַרויס
פון טאָל 37
גוואַדאַלקיוויר 39
אַ ייִד אין מאַדריד 41
שאַלאָם 43
פאַרנאַכט אין נגב 44
סדום 45
שלום עליכם דיר, טביה 46
דאָס פײַער ברענט נאָך 47
נעכטיקע טעג 48

אין אַלבאָם פונעם זיכּרון

צוריקקער 51
מיט ווייטיק אין האַרצן
און רופן פון דורות 54
אין אַלבאָם פונעם זיכּרון 57
שווער צו אונטערשיידן 59
דער ווינט נאָך וויטערט 61
מײַן מאַמעס טרער 62
ייִדישע אַקטיאָרן פון פוילן 63
פון די אַשן 65
אַ מאָל דיר ווײַזט זיך אויס 66

ייִדישקלאַנג

מיט זײַנע דינע פינגער 69
ווי לאַנג אַ ייִדיש ליד
נאָך קלינגט 71
דאָס לעצטע ליד 73
פּרצלאַנד 74
נישט דאָס בין איך אויסן 77
מײַן שרײַבטיש 80
ייִדישקלאַנג 81
אַ ביסעלע 82
ווי מײַן ליד 83
איך גיי צו 84
✶ 85
ווער וועט 86
צום דיכטער 87
דער טאָן פון לעבן 88
איך דאַרף אַ וואָרט 89
✶ 90

אין יעדן טראָפּן

אין יעדן טראָפּן 93
✶ 94
אַ בריוו 95
איך רעד צו דיר 96
אין נעפּל פון צײַט 97
ליד און לעבן 100
דער ערשטער ענטפער 101
אויף ס'נײַ 102
ווען בלומען שטאַרבן 103
ערב לײַדן 104
מײַן בלויער פויגל 105
מײַן דור 106
וועקליד 107
ליכטיק 108
איך פיר דיך פאַר דער האַנט 109
ווערטער צווײ 110
פאַר דײַן רו 111
איך קוק אויף אײַך ביידן 112

ווערטל און וואָרט

האָפענונג 115
צעקריגט 116
דער „געשאַנק" 117
אַ פּוסטע כּלי 118
איינער 119
וואָס וועט זײַן? 120
טאָג און נאַכט 121
נאָך טאָגן 122
קלײניקייטן 123
דער באַרג און די מויז 125
ווערטל און וואָרט 126

ביכער פונעם זעלבן מחבר:

רויִנען און רושטאָוואַניעס — פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע 1951
טעגלעכע מי — פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע 1954
בלעטערפאַל — פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע 1959
פשוטע ווערטער — פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע 1962
פאַרשפּעטיקטער פרילינג — פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע 1966
שירים — עברית: חיים רבינזון, תל־אביב 1972
אין דמיון פאַרזיגלט — פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב 1975
אין צווישן גרין — פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב 1981